ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# נפלאות ישראל

## מריזין

אידיש

**668**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נפלאות ישראל

פון הייליגען גרויסען צדיק

## רבי ר' ישראל פון ריזין זצלה"ה זי"ע.

אין דעם ספר ווערט בעשריבען וואונדערליכע זאכען פון
הייליגען צדיק רבי ר' ישראל פון ריזין ווי מיר האבין ארויס
גענומען פון הייליגע ספרים.

נאך האבין מיר מוסיף געווען פון זיינע הייליגע זוהן
דער רבי ר' אברהם יעקב פון סאדיגור זצ"ל
און דער רבי ר' דוד משה פון טשארטקוב זצ"ל
איבערגיזעצט אויף זשארגאן כדי יעדער מענש זאל קענען
פערשטעהן, און וויסען ווי אזוי זיך צו פיהרען.

---

# הקדמה.

דער בעוואוסטער הייליגער צדיק, און געטליכער מאן, איינער פון די גרעסטע צדיקים פון זיין דור, דער רבי ר' ישראל מריזין זצ"ל, זכותו יגן עלינו, דער זוהן פון הייליגען צדיק דער רבי ר' שלום שכנא זצ"ל, וואס ער איז געוועזען דער זוהן פון דעם בעוואוסטען הייליגע מגיד דער רבי ר' אברהם המלאך זצ"ל, דער זוהן פון הייליגען און גרויסען מגיד, דער בעוואוסטער מיט דעם נאמען, דער רבי ר' דוב בער זצ"ל ממעזריטש, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, וואס די האר און נעגיל שטעלען זיך אויף ביי אונז ווען מיר ווילען נעמען די פעדער אין האנד און וועלען בעשרייבען און אויס רעכענען די אלע שבחים און וואונדער, פון דעם גרויסען מענש, וואס די גרעסטע צדיקים פון די וועלט, האבען געזאגט אויף איהם, דאס זיין הייליגער נאמען איז מרומז אין אנהייב פון אונזערע הייליגע תורה, איןווארט **בראשית** איז די ראשי תיבות **אור תורת רבינו ישראל בן שלום**, און אלע האבען עדות געזאגט אויף איהם, אז ער איז געוועזען איין בעהאלטען און פארבארגען ליכטיגקייט, אזוי ווי מיר געפינען, אז דער גרויסער און הייליגער גאון, דער רבי ר' **יצחק אייזיק** זצ"ל מקאמארנע, שרייבט אויף איהם אזוי: דער געטליכער מאן א הויך פארהוילען ליכטיגקייט דער רבי ר' **ישראל מריזין** זצ"ל, הײנט־זשע וואס און ווער זענען מיר, מיר זאלען וועלען שרייבען און בעוואוסט מאכען זיין גרויסקייט און הייליגקייט, אדער גאר זיין גלייכעניש, נאר דאך קענען מיר נישט דאס אין זיך איינהאלטען, דאס וואס מיר האבען מקבל געוועזען פון לומדים און הייליגע ספרים, וועגען דעם הייליגען כבוד, די בעשיינטע אידישע קרוין, זכותו יגן עלינו, די הייליגע רייד זיינע, און די גרויסע וואונדער, און פון זיינע זיסע תידושים, אלעס וואס עס געפינט זיך ביי אונז אין די געדאנקען:

# נפלאות ישראל

איין וואונדערליכע מעשה פון דעם הייליגען צדיק, רבינו **ישראל** זצ"ל **מריזין**, מיט דעם גאון דער הייליגער צדיק פון **אפטא** זצ"ל, דער מחבר פון דעם הייליגען ספר **„אוהב ישראל"**. וואס די מעשה האט דער ציילט, דער בעוואוסטער חסיד ר' **יחיאל** ז"ל **מווארשא**, פאר דעם הייליגען צדיק דער רבי ר' **אלעזר** זצ"ל **מקאזיניץ**:

אין די יונגע יאהרען פֿון הײליגען צדיק **מריזין** זצ"ל וואָס ס'איז דאָ אויבען געשריבען אין אָנהײב פֿון זײן בעוואוסט ווערען בײַ זײַנע מקורבים, האָט זיך געטראָפֿען אַ מורא'דיגע געשיכטע, וואָס דאָס האַרץ ערציטערט הערענדיג דאָס. עס איז געקומען אײנער פֿון זײַנע מקורבים און האָט איהם דערצײלט בײַ זײן טיש, דאָס ער קומט יעצט צו פֿאָהרען פֿון דער שטאָדט מעזיבוז, און ער האָט אלײן געהערט פֿון דעם הײליגען צדיק'ס מויל, דער מחבר פֿון דעם ספר **„אוהב ישראל"** וואָס איז אויבען געשריבען, אַז ער האָט געזאָגט בײַ זײן טיש פֿאַר אַ רבים מענשען, אויף דעם הײליגען צדיק פֿון ריזין, אַז ער איז אַ „שוטה" ח"ו, און אַזוי ווי עס איז ידוע דאָס בײזע צינגער און לשון הרע, קען אַ מאָל בײַ די גרעסטע מענשען אויך אַ מאָל נתקבל ווערען חלילה, אַזוי איז דורך דעם, דער צדיק מריזין געקומען אין דער הקפדה, און עס האָט איהם זעהר געאַרט, און האָט זיך אָנגערופֿען אַביסעל פֿאַרדריסליך, בזה הלשון, דער מעזיבוזער וויל אונז דערצערנען, מיר אָבער האָבען קײן מורא ניט פֿאַר איהם, ווײַל מיר קומען אַרויס פֿון מלכות בית דוד, און קײן מענש אין דער וועלט, קען אונז וואָס טוהען. נאָך דערנאָך אַז די זאַך איז געוואָרען מפורסם בײַ זײַנע מקורבים, איז געפֿאַלען אויף זײ אַ פחד און זײ האָבען זיך געשראָקען עס זאָל ח"ו נישט אַרויס שפּראָצען פֿון דעם אַ מחלוקת און אַ פירוד צווישען זײער צדיק **מריזין** זצ"ל און צדיק פֿון **מעזיבוז**, וואָס ער איז געווען דאַמאָלס, דער עלסטער גאון און צדיק פֿון דעם דור, און דאָס מחלוקת קען ח"ו זעהר שלעכט ווירקען אויף דעם כלל ישראל זאָל אַ מאָל ח"ו לײַדען פֿון דעם, ווען עס זאָל ח"ו ווערען אַ מחלוקת אָדער אַ פירוד חלילה, בײַ אַ זעלכע צווײ גדולי הדור, חאָטש באמת איז געווען די גאַנצע זאַך אַגרויס וואונדער בײַ יעדען, היתכן? דער מעזיבוזער זאָל אַ זעלכעס האָבען געזאָגט אויף זײער הײליגען

צדיק

צדיק מריזין, וואס ער איז געווען מפורסם פאר א געטליכען מאן, ובפרט יעדער האט געוואוסט דאס דער מעזיבוזער האט זעהר חשוב געהאלטען דעם ריזינער, און האט איהם שטענדיג גרוים כבוד אב געגעבען, און אויך איז געווען א גרויסע פלא, אז א זעלכער מענש ווי דער מעזיבוזער זאל ארוים זאגען פון זיין מויל א זעלבע רייד אויף דעם הייליגען צדיק מריזין, דורך דעם אלעס האבען זיי אב געהאלטען א אסיפה און זיך שטארק מיישב געווען וואס זיי האבען א עצה צו דעם צו טוהען, כדי די זאך משתיק צו זיין עס זאל נישט קומען צו א מחלוקת ח"ו, און נישט דערלאזען דעם לשון הרע, אזוי ווי אונזערע חז"ל זאגען גדול לשון הרע [ערכין ט"ו ע"א עיי"ש]. האט השי"ת געהאלפען, און האט זיי דערלייכט די אויגען, און עס איז זיי איינגעפאלען זעהר א גוטע עצה, דאס זיי זאלען געהען צו זיין מוטער די אלטע רביצין די צדיקת ז"ל, און דערציילען איהר די גאנצע מעשה, זיי האבען איהר געגעבען צו פאר שטעהען, אז עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה טובה, ווי נאר זי זאל הייסען איהר זוהן דעם ריזינער בגזירת כיבוד, אז ער זאל פאהרען קיין מעזיבוז, און ער זאל זיך זעלבסט זעהן מיט דעם מעזיבוזער צדיק, און אזוי ארום וועט ניט קומען צו קיין מחלוקת און א פירוד ח"ו בין הכלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט געשריבען „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם", און זי האט טאקי אזוי געטוהען, און ווען דער ריזינער איז געקומען צו איהר פרעגען וואס זי מאכט אזוי ווי דער שטייגער איז, האט זי גוזר געווען אויף איהם בגזירת כיבוד ער זאל תיכף פאהרען קיין מעזיבוז, ווייל דאס איז נוגע דעם כלל ישראל, און דער הייליגער צדיק האטש זיין דעה איז געווען זעהר ווייט פון דעם, דאך איז ער געווען געניים צו טוהען דעם רצון פון זיין מוטער די צדיקת, און אזוי האט ער געטוהען און האט באלד בע־פוילען צו שפאנען דעם וואגען, און אויך דעם זעלבען מענש וואס האט דאס דערציילט, האט ער אויך געהייסען מיט נעמען, און זיי זאלען פאה־רען אין איינעם. זיי זענען תיכף אויעק־געפאהרען אין בעגלייטונג פון פיעל מענשען, פון דער שטאדט קיין מעזיבוז, אז זיי זענען שוין געווען נישט מעהר ווי צוויי מייל ווייט פון דער שטאדט מעזיבוז, האט דער ריזינער געשיקט א מענש רייטענדיג אויף א פערד אין שטאדט אריין צום הייליגען צדיק דער „אוהב ישראל" איהם מודיע זיין, דאס ער קומט צו פאה־רען בשלום, און ווי דער „אוהב ישראל" האט געהערט דאס, איז ער געווארען מלא שמחה וששון, און איז תיכף ער מיט זיינע הייליגע קינדער, און אלע גרויסע לייט פון דער שטאדט מעזיבוז, ארויס געפאהרען א קעגען דעם ריזינער, אזוי ווי עס קומט פאר א זעלכען ווי דער ריזינער איז, און ווי זיי האבען זיך צוזאמען געקומען, און זיי האבען זיך איינער דעם אנדערען דערזעהן, איז די שמחה נאך גרעסער געווארען אהן א שיעור, זיי האבען זיך תיכף צוזאמען איינגעזיסען אויף איין וואגען, און זענען

גלייך

גלייך אריין געפאהרען אין שטאדט אריין, און זענען פארפאהרען אין הויז פון מעזיבוזער, און מען האט תיכף געהייסען מכין זיין א גרויסע סעודה פאר די הייליגע געסט כסעודת שלמה בשעתו:

און אז די צדיקים האבען זיך געזעצט צו די סעודה, האט דער ריזינער זעהר אן געקוקט דעם מעזיבוזער, ווי דער מעזיבוזער עסט אזוי ווייניג, און האט זיך אן גערופען צו איהם אזוי פאר וואונדערט, וויל ער האט איהם גיט געקענט אז ער עסט תמיד כאחד אנשים, כזה הלשון, פאר וואס עסט דער הייליגער צדיק אזוי ווייניג, עס איז דאך ידוע אז זיין עסען איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות צו השם יתברך, און יעדער ביסען זיינער איז נחשב פאר א בעזונדער קרבן, און פאר וואס מינערט ער הייליגע קרבנות, מיט דעם זיין ווייניג עסען, און דאס איז א הפסד גדול. האט איהם דער מעזיבוזער געענטפערט דארויף, כזה הלשון, שבת קודש איז א שטענדיגער גאסט איין מאל אין יעדע וואך [חולין קי"א ע"א ששבת נקרא אורח שא"ל מי עדיפא לן מינה דכתיב וקראת וכו' עי"ש] איז מען איהם מכבד מיט תענוגים פון עסען און טרינקען כידוע, אבער יו"ט וויל ער קומט נאר עטליכע מאל אין יאהר, הייסט דער שבת א קעגען יום טוב דער בעל-הבית, און דער יו"ט הייסט אורח כמובן, און אמאל קומט דער אורח צום בעל-הבית, דאס הייסט ווען עס געפאלט יום טוב אין שבת, דאמאלס איז דער בעל-הבית דער שבת מכבד דעם אורח דעם יום טוב, מיט דעם וואס מען איז מוסיף נאך א מאכל צוליעב יום טוב אדער א משקה, און א מאל קומט א גרויסער אורח צו דעם בעל-הבית, וואס דער אורח איז נאך גרעסער פון דעם בעל-הבית אליין, דאס איז ווען יום כיפור געפאלט אין שבת, דאמאלס מיט וואס קען דער בעל-הבית דער שבת מכבד זיין דעם אורח דעם יום כיפור, אויב מיט נאך א מאכל אדער א משקה, וואס פאר א חשיבות האט דאס פאר א זעלכען הייליגען אורח, נאר מיט וואס איז ער איהם מכבד, מיט דעם וואס ער אליין איז זיך אין גאנצען מבטל צום כבוד פון דעם אורח, דאס הייסט חאטש זיין שטייגער איז צו עסען און צו טרינקען ווי פיעל מינים מאכלים און משקאות, פון דעסטוועגען וויל דער הייליגער אורח איז דער שטייגער ניט צו עסען און צו טרינקען, איז פאר דעם אורח'ס כבוד וועגען עסט דער בעל-הבית אויך נישט: און אז די חסידים מריזין האבען געהערט די דאזיגע הייליגע ווערטער פון דעם מעזיבוזער, אז ער האלט דעם ריזינער אזוי גרויס, נאך גרעסער פון זיך, חאטש ער איז שוין א זקן ושבע ימים, און דער ריזינער איז נאך געווען גאר א יונגער מאן, פון דעסטוועגען עסט ער נישט נאר צוליעב דעם כבוד פון דעם הייליגען אורח דער ריזינער, וואס זיין שטייגער איז געווען זעהר ווייניג צו עסען, דורך דעם איז זיי געווארען נאך מעהר פלא די זאך, אז דער מעזיבוזער זאל האבען א זעלכעם געזאגט אויף דעם ריזינער, און דאס קען ניט זיין אז דאס זאר

האבען

האבען זיך דער מענש אויס געטראכט פון זיך אליין, וועלכער מענש וועט זיך דאס אזוינס קענען אויס טראכטען, און געהען דערציילען דעם ריזינער א שקר, על כן איז דאס געבליבען ביי זיי נאך פארהוילען, און זיי האבען געהאפט בכליון עינים אויף א עת מצוא זיי זאלען דאס פאר־שטעהען:

די דאזיגע סעודה איז געווען ביי נאכט, נאך דעם עסען איז דער ריזינער געפאהרען אין די אכסניא צו נעכטיגען וואס מען האט אנגע־גרייט פאר איהם ביי דעם גרעסטען גביר פון דער שטאדט, לויט דעם פערלאנג פון מעזיבוזער, און די הייליגע קינדער פון מעזיבוזער זיי'ען אויך מיט געפאהרען בעגלייטען אויף די אכסניא, אויך דער זוהן פון מעזיבוזער דער הייליגער צדיק ר' **יצחק מאיר** זצ"ל, און אז זיי זענען שוין געווען אין די אכסניא האט דער צדיק ר' **יצחק מאיר** זצ"ל געפרעגט דעם **ריזינער** ווען ער וועט מארגען מתפלל זיין תפלת שחרית, כדי צו וויסען ווען אן צו גרייטען די סעודת שחרית פאר איהם. האט דער ריזינער געענטפערט, איך וועל אייך דערציילען א מעשה, נאר הערט זיך איין:

איין מאל איז געווען א מלך גדול ונורא, איז איהם איינגעפאלען אין זינן, דאס ער זאל חוקר זיין נאך די משפטים פון דער מדינה צי זיי זענען גע'משפט על פי אמת ויושר, האט ער נאך געזוכט און געפינען, אז זיי זענען ניט ווי ער האט געמיינט, האט ער זיך מיישב געווען אזוי, אז מהיום והלאה זאל ער זיך ניט פארלאזען אויף אנדערע שופטים, נאר ער אליין דער מלך בכבודו ובעצמו, זאל משפט'ען די אלע משפטים פון דער מדינה, און אזוי האט ער טאקי געטוהען, נאר וויל דער מלך איז געווען תמיד פארנומען מיט די משפטים, האט ער דורך דעם קיין צייט געהאט אכטונג צו געבען אויף די אנדערע זאכען פון דער מדינה אזוי ווי תיקון הדרכים און תכסיסי מלחמה, און זיי זענען געגאנגען צום גרונט. זענען געקומען צום מלך די אלע שרי המלוכה, און די גרויסע לייט, און דאס פארגעשטעלט פאר דעם מלך, אז אלעס געהט לאיבוד וויל דער מלך האט קיין צייט אכטונג צו געבען, און דער מלך האט געזעהן אז זיי זענען גערעכט, נאר אבער א מלך קען ניט אנדערש מאכען ווי ער אליין האט געמאכט, און עס איז ניט שעהן פאר דעם מלך ער זאל ווערען אויס שופט אויף א מאל, האט דער מלך אזוי בעפוילען, דאס א שווערער משפט זאל מען ברענגען פאר דעם מלך אליין, און פאר די אנדערע משפטים האט ער אויס געקליבען ערהליכע מענשען מיט יושר וואס זיי האבען פיינט צו נעמען שוחד, און האט אויס געזעצט א בע־שטימטע שעה אלע טאג גלייך אן צו נעמען משפטים, און נאך די אויס געזעצטע צייט אפילו איין רגע לענגער זאל ער נישט אן נעמען, כדי ער זאל האבען צייט צו די אנדערע צרכי המדינה. אין א צייט ארום האט זיך געטראפען דאס עס איז געקומען פאר דעם מלך איינער פון די שרי המלוכה

המלוכה אַ קרוב למלכות מיט אַ פּראָשעניע אין דער האַנד, נאָר ער האָט זיך פאַרשפּעטיגט און איז געקומען שוין נאָך דער צייט וואָס מען האָט אויס געזעצט, האָט איהם דער מלך ניט געוואָלט אָן נעמען מיט דעם פּאַפּיער, און דער מלך האָט זיך צו איהם אָן גערופען, חאָטש דו ביסט דאָך ביי מיר אַ גרויסער חשוב, פון דעסטוועגען קען איך נישט עובר זיין אויף דעם געזעץ און קען דיר נישט אָן נעמען, האָט דער שר געענטפערט דעם מלך, זאָלען מיר נאָר פאַרשטעהן דעם עיקר טעם פון דעם געזעץ, דאָס איז נאָר כדי דער מלך זאָל צייט האָבען צו די אַנדערע זאַכען פון תיקון המדינה, וועלכעס מען ברויך פאַרריכטען, זאָל דער מלך וויסען דאָס אין דעם כתב וואָס איך וויל דאָ דערלאַנגען דעם מלך, געפינען זיך פיעל עצות טובות און די זאַכען פון תיקון המדינה, איבער דעם האָב איך רעכט צו פאַרלאַנגען פון מלך ער זאָל מיר אָן נעמען נאָך די בע־שטימטע צייט, און דער מלך זאָל דאָס אַ דורך לעזען און געבען זיין הסכמה און אונטער שרייבען. אַז דער מלך האָט געהערט זיינע רעכט־פאַרטיגע רייד איז דאָס זעהר איהם געפאַלען, און האָט איהם אָן גענומען און אַ דורך געקוקט דאָס פּאַפּיער, און האָט געזעהן דאָס ער איז זעהר גערעכט. האָט דער מלך איהם זעהר געדאַנקט פאַר דעם וואָס ער אַרבייט פאַר דעם טובת הכלל, און האָט איהם צו געזאָגט, דאָס ער וועט איהם תמיד אָן נעמען ווען ער וועט קומען, ווייל ער קומט צו איהם בעטען פאַר דעם טובת הכלל, נישט פאַר זיך אַליין. אַזוי, האָט אויס געפיהרט דער ריזינער, איז דאָס זעלבע ענין ביי מיר אויך, איהר פרעגט מיך ווען איך וועל מאָרגען מתפלל זיין שחרית, פאַר וואָס האָבען די חכמינו ז"ל מתקן געווען אַ אויס־געזעצטע צייט צו דעם דאַווינען ווייל וואָס נישט דאָס וואָלט יעדער געזאָגט איך וועל פריהער זיך אָפּ רוהען אָדער עסען און טרינקען עפּעס און אַ ביסעל שלאָפען, און אַזוי וועט אַוועק דער גאַנצער טאָג און וועט ניט האָבען געזאָגט קיין קריאת־שמע אָדער ניט געדאַווינט, איז דאָס נאָר אַ תיקון המדינה, אָבער פאַר אַזעלכע מענשען ווי איך, וואָס זייער גאַנצע אַרבייט איז נאָר פאַר דעם טובת הכלל און תיקון המדינה, איז פאַר אַזעלכע מענשען נישט מתוקן געוואָרען קיין זמן התפלה, און זייער תפלה ווערט נתקבל פאַר מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, תמיד אפילו נאָך דעם זמן התפלה:

און צו מאָרגענס נאָך דעם ווי דער ריזינער האָט אָפּ געדאַווינט שחרית, איז ער דאָס צווייטע מאָל געגאַנגען צום מעזיבוזער צו דער סעודה של שחרית, אין מיטען דער סעודה האָט איהם דער ריזינער געפרעגט, פאַר וואָס ער האָט געזאָגט די דברי זלזול וואָס אויבען איז געשריבען. דער מעזיבוזער ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך זעהר פערוואונדערט, און האָט געענטפערט חלילה וחס מיר ווייסען גאָר ניט פון די גאַנצע זאַך, און די אַלע וואָס זענען געזעסען דאָמאָלס דערביי

ביי

ביי דעם טיש, זענען אויך זעהר פערוואונדערט געוואָרען, און דאָס איז
זיי געוואָרען אַ גרויסע פלא, ווער איז דאָס דער מענש, וואָס האָט זיך
אַזוינס אויסגעטראַכט, און האָט אָב דערציילט אַרכילות של שקר, און
האָט געוואָלט מאַכען אַמחלוקת און אַפירוד צווישען די צוויי הייליגע
צדיקים, ובפרט אַז דער מעזיבוזער האָלט אַזוי פיעל פון דעם ריזינער,
און מען זעהט דאָך ווי דער מעזיבוזער האָט זעהר עגמת נפש פון דעם,
און אַז די מסובים פון דעם טיש האָבען זיך אַרום געקוקט, האָט איינער
פון זיי אַ זקן דערקענט דעם בעל רכילות, ווייל ער האָט דערזעהן ווי ער
איז זעהר דערשראָקען געוואָרען, און זיין פנים האָט געקריגען פערשיעדענע
פאַרבען, און דער אייגענער איז געווען מיט עטליכע וואָכען פריהער טאַקי
ביי דעם ריזינער, דורך דעם איז געפאַלען דער חשד אויף דעם מענש אַז
ער איז דאָס דער בעל מעשה, איז דער זקן אַ פיער געגאַנגען פון טיש,
און איז צוגעגאַנגען צו דעם מענש, און איז מיט איהם אַריין געגאַנגען
אין אַ בעזונדער חדר אַריין, און האָט איהם איבער געפרעגט די זאַך,
האָט ער געענטפערט עס איז אמת אַז ער האָט דאָס דערציילט דעם ריזינער,
נאָר ער האָט זיך דאָס נישט ח"ו אויס געטראַכט, נאָר ער האָט דאָס
אַליין געהערט פון מעזיבוזער, און ער האָט נאָך צוגעגעבען אַ צייכען אַז
ער זאָגט אמת, ווייל מענשען האָבען דאַמאָלס דערציילט דעם מעזיבוזער,
אַז דער ריזינער הייסט זיך רופען ר' ישראל „בעל שם טוב" מיט דעם
זעלבען נאָמען ווי מען האָט גערופען דעם הייליגען בעש"ט אונזערען, און
אויף דעם האָט זיך דער מעזיבוזער אָן גערופען צו וואָס רעדט איהר פון
אַ שוטה. און ווי דער זקן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך יעצט דער-
מאָנט, דאָס ער איז אויך געווען דערביי, און ער האָט זיך זעהר אויס-
געלאַכט פון דעם, און איז תיכף אַריין צוריק צום טיש, און האָט גע-
בעטען רשות ביי די הייליגע רבנים, אַז ער זאָל דערציילען די גאַנצע
מעשה, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אויף ריכטיג די גאַנצע זאַך, האָבען
זיי איהם געגעבען רשות. האָט ער דערציילט אַז עס איז שוין עטליכע
וואָכען ווי מענשען האָבען דערציילט פאַר דעם מעזיבוזער פון איינעם אַ
צבוע'ק ער הייסט מיט דעם נאָמען ישראל, און ער וואוינט עטליכע מייל
פון דער שטאָדט מעזיבוז, אַז ער מאַכט זיך פאַר אַ צדיק, און נאַרט אָפּ
אַ עדה אידען, און הייסט זיך רופען ר' ישראל בעל שם טוב, און אויף
דעם האָט זיך דעם מעזיבוזער אָנגערופען מיט אַ געלעכטער מען זאָל נישט
ריידען פון אַ שוטה, און דער מענש דער בעל רכילות האָט געמיינט דאַמאָלס
אַז מען רעדט פון דעם ריזינער צדיק, און ווייל ער איז אַ מקורב ביי דעם
ריזינער, האָט איהם דאָס זעהר געאַרט, און איז געגאַנגען און האָט דאָס
דערציילט פאַר דעם ריזינער, און אַז די אַלע מסובים און די הייליגע
צדיקים האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי זיך יעצט בערוהיגט, און זיי
האָבען זיך גאָר מחי' געווען:

ווען עס איז געקומען צו מארגענס, האבען זיי זיך געזעגענט, און דער רייזינער איז נעגאנגען שוין אהיים פאהרען, איז דער מעזיבוזער מיט זיינע הייליגע קינדער מיט געפאהרען בעגלייטען דעם רייזינער, און אידער דער רייזינער איז אוועק נעפאהרען האט ער געהייסען זיינע מענשען זיי זאלען מיט נעמען, דעם מענש דעם בעל לשון הרע אויך, און אכטונג געבען אויף איהם ער זאל נישט מאכען פליטה, און אויך דער מעזיבוזער זאל פון דעם נישט וויסען, אז ער פאהרט מיט, און ווי דער מעזיבוזער מיט זיינע הייליגע קינדער האבען זיך געזעגינט מיט דעם רייזינער, און זיי האבען אפשייד גענומען אהיים, האט דער רייזינער באפוילען נעמען דעם זעלבען מענש פון זיין ארט, און איהם זעצען נעבען איהם, און זיי האבען אזוי געטוהען נאר דער מענש איז שיעור פרחה נשמתו פאר פחד, וויל ער האט נישט געוואוסט וואס פון דעם וועט זיין דער סוף, אזוי וענען זיי אפ געפאהרען עטליכע מייל צוזאמען, ביז זיי וענען געקומען נים ווייט פון א קליין שטעדטיל, האט דער רייזינער געהייסען זיך שטעלען און האט געשיקט איינעם רופען דעם גבאי פון די חברה קדושה פון שטעדטיל און איהם געהייסען נעמען דעם מענש ארויף לייגען איהם אויף די מטה וואס מען טראגט די מתים פון דעם שטעדטיל, און איהם אוועק טראגען אויף דעם בית הקברות, און אום רופען פאר איהם די ווערטער „צדקה תציל ממות״. ווי דער מענש האט דאס דערהערט איז ער זעהר דערשראקען געווארען, און האט אנגעהויבען זעהר צו וויינען פאר דעם רייזינער, האט איהם דער רייזינער געענטפערט האב גאר קיין מורא נים עס וועט דיר נאר נישט חלילה עפעס שאדען, נאר אז דו וועסט שוין זיין אויף דעם בית הקברות זאלסט דו אראפשפרינגען פון די מטה און גלייך קומען אהער, און מיר וועלען אויף דעם ארט ווארטען אויף דיר, און אזוי איז געשעהן, און ער איז דערנאך געקומען צוריק, צו דעם רייזינער, דאמאלס האט יעצט דער רייזינער דערציילט פאר דעם עולם, פאר וואס ער האט געהייסען אזוי טוהען, כדי דעם מעזיבוזער זאל דאכטען אז דער מענש איז שוין נפטר געווארען, וועט איהם נישט קענען שאטען דאס חולשת הדעת פון מעזיבוזער, און ווען נים דאס, וואלט איהם געווים חלילה געשאט, און אויף אזא אופן האט ער דאס איהם מסתיר געווען פון דעם מעזיבוזער, און ער זאל זיך שוין נישט מעהר ווייזען פאר דעם מעזיבוזער, וועט איהם גאר נים זיין קיין שום שלעכטס:

און אז דער חסיד ר׳ יחיאל הנ״ל האט דאס דערציילט פאר דעם צדיק רבינו אלעזר מקאזניץ ז״ל הנ״ל האט דער צדיק איהם געפרעגט, אויב ער האט אמאל געהערט פון דעם רייזינער אזעלכע דיבורים וואס קוקען אוים ה״ו ווי דברים בטלים, זאל ער איהם דערצעהלען, האט דער חסיד ר׳ יחיאל געענטפערט איך וועל דערצעהלען דאס וואס מיינע אייגענע אויערן האבען געהערט:

איין מאל פרייטיג צו נאכטס, ביי דעם טיש ווען ער איז נעגאנגען שוין קידוש מאכען, און האט שוין גענומען דעם כוס אין די האנד אריין, און האט אנגעהויבען צו זאגען די ערשטע ווערטער פון קידוש „ויהי ערב ויהי בוקר”, האט ער צוריק אנידער געשטעלט דעם כוס אויף דעם טיש, און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען אמעשה בזה הלשון, עס איז אמאל געווען א שמחה פון א חתונה ביי צוויי גרויסע גבירים וואס האבען זיך משדך געווען, און עס האט געברויכט שוין זיין די חתונה, איז דער דרך עולם אז אויף אזא שטייגער רייכע חתונה וויל יעדער ברחן מען זאל איהם נעמען וויל מען קען דארט פארדינען אסך געלד, איז דא אויך געקומען צוויי ברחנים און יעדער האט געוואלט מען זאל נאר איהם נעמען פאר א ברחן אויף די חתונה, און ווי זיי האבען זיך אנגעהויבען זעהר צו קריגען, האבען זיך די מחותנים אריין געמישט אין דעם און האבען געמאכט א פשרה, אז יעדער זאל זאגען פאר זיי א גוט ווארט, און וועמענס עס וועט מעהר נושא חן זיין, דער זאל בלייבען ברחן, און דער צווייטער זאל נדחה ווערען, און מען האט געווארפען גורל ווער פון זיי ביידע זאל צום ערשטען זאגען. איינער האט געהייסען ראובן און דער אנדערער האט געהייסען שמעון, איז געפאלען דער גורל אויף ראובן'ען, ער זאל זאגען פריהער, איז ראובן ארויף געגאנגען אויף דעם טיש און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען א מעשה נורא וואס עס האט זיך ביי איהם אליין צו־לאפען, זאל מען זיך גוט איינהערען וועט מען הנאה האבען:

אך ראובן ברחן ווען איך בין געווארען א מענש און האב שוין געברויכט חתונה צו האבען, האב איך גענומען א ווייב ווי גאט האט געבאטען, אין א צייט ארום איז מיר געבוירען א זוהן למז"ט, האב איך מיר געגעבען צו מיין ווייב אזוי: דו זאלסט וויסען אז ביי א מענש איז פאראן דריי שותפין, הקדוש ברוך הוא, דער פאטער און די מוטער, (נדה ל"א ע"א), איז דער זוהן אונזערער א בן של הקב"ה, ברויכסט דו אכטונג געבען אויף איהם, און איהם אפ היטען בקדושה וטהרה, ער ברויך זיין א קדוש מרחם און א נזיר מאחיו, ער זאל זיין ראוי אנגערופען צו ווערען דער זוהן פון הקדוש ברוך הוא. מיין פרוי אז זי האט אויס געהערט מיינע רייד, זענען זיי איהר אריין גוט אין הארצען, אזוי ווייט אז זי האט באמת געמיינט, אז נאר דער זוהן איז דער זוהן פון הקב"ה, און נים קיין אנדערער, און דורך דעם האט זי אין גאנצען אוועק געלייגט איהר אלע עסקים, און האט נאר אכטונג געגעבען אויף דעם זוהן, ער זאל זיין ריין תמיד, און איהם אלע טאג געברענגט מיט דעם וויגעל אין בית המדרש אריין, כדי אין זיינע אויערען זאל נאר אריין בלויז דבר שבקדושה אמן יהא שמי' רבה קדושות וברכו, און דברי תורה, און נים קיין הבלי עולם הזה. און אויך האט זי איהם נישט געלאזט קוקען אויף אומריינע זאכען, און נאך אזעלכע זאכען, ביז אזוי ווייט אז דער ילד

איז

איז געוואָרען אַ כלי מלא קדושה, און מען האָט געקענט זאָגען אויף איהם, אשרי יולדתו [והרע"ב ז"ל אבות פ"ב מ"ח ר' יהושע בן חנניא אשרי יולדתו עיי"ש), אין אַ צייט אַרום איז מיר געבוירען געוואָרען נאָך אַ זוהן, און דערנאָך אַ דריטער זוהן, האָט זי זיי אויך זעהר אָפּ געהיטען בקדושה וטהרה נאָר נישט אַזוי ווי דעם ערשטען זוהן, וואָרום צו האָט איהם זי אנגעווענדען איהרע אַלע כחות און מחשבות [כדי ער זאָל זיין ראוי פאַר אַ בן של הקב"ה:

און דערנאָך אַז איך האָב שוין פאַרמאָגט דריי זוהן, און דער ערשטער איז שוין אַלט געווען דריי יאָהר, איז שוין צייט געווען איהם מחנך צו זיין, און איהם אָבגעגעבען אין חדר אַריין [סוכה מ"ב ע"א קטן היודע לדבר אביו מלמדו תורה וכו' עיי"ש], האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב אַזוי: הקדוש ברוך הוא האָט אונז מזכה געווען מיט דריי זוהן, און דריי שותפין זענען דאָך פאַרהאַנען ביי יעדען מענש, הקב"ה, דער פאָטער און די מוטער, זאָל מען זיך איינטיילען גלייך יעדען איין זוהן, און דער ערשטער זוהן דער קדוש איז געווים ראוי עולה בגורל צו זיין להקדוש ברוך הוא, על כן וועל איך מיך פונה זיין פון מיינע אַלע עסקים, און נאָר עוסק זיין אין דעם זוהן, מחנך זיין דעם בן של הקב"ה, אַזוי ווי עס שטייט געשריבען „חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו" וועל איך זעהן אַז ער זאָל מגודל ווערען על תורה ועבודה בקדושה וטהרה, ביז ער זאָל באמת ראוי זיין אָנגערופען צו ווערען בן של הקב"ה, און איך האָב דאָס מקיים געווען, און האָב זיך פונה געווען פון אַלע עסקים, קודם האָב איהם אָבגעגעבען אין חדר אַריין בקדושה וטהרה איהם איינגעהילט אין אַ טלית של מצוה און אַזוי איהם אַוועק געפיהרט אין חדר אַריין, איך האָב אויך געמאַכט אַ סעודה גדולה לעניים אין דעם טאָג און געגעבען פיעל צדקה, און איך דעם מלמד האָב איך געגעבען אַסך געלד, ער זאָל זעהר השגחה געבען אויף דעם ילד ער זאָל מיט איהם לערנען בקדושה וטהרה, און השם יתברך האָט מיר געהאָלפען און דער זוהן האָט זעהר מצליח געווען בתורה און יראה, און אַזוי אַלע מאָל מעהר און מעהר, ביז ער איז געוואָרען שוין אַ בר מצוה, האָב איך געמאַכט אַ סעודה גדולה לכבוד די בר מצוה און געגעבען צדקה לעניים, און דער זוהן האָט געדרשנת אַ דרוש גדול בנגלה ובנסתר, אַז די גאַנצע שטאָדט האָבען זיך פאַרוואונדערט, אויף זיין גרויסקייט אין תורה און יראה, אַזוי ווייט מען האָט געזאָגט אַז עס איז נישט פאַרהאַנען זיין גלייכעניש אין די גאַנצע וועלט, דאָס איז גאָר נישט קיין מענשליכער פאַרשטאַנד נאָר אַ געטליכקייט, קען מען שוין אַליין פאַרשטעהן אַז מיין אַרבייט איז נישט געווען אומזיסט נאָר ער איז באמת ראוי געווען אָנגערופען צו ווערען בן של הקדוש ברוך הוא:

דערנאָך אַז עס איז אַ דורך נאָך אַצייט, און עס איז שוין געווען

צייט

צייט צו זעהן פאר איהם א שידוך, האבען די שדכנים אנגעהויבען פאהר צולייגען פאר מיר פארשידענע שידוכים מיט די גרעסטע און שענסטע גבירים און נכבדי עולם, ווארום ווער וועט דאס נישט וועלען נעמען אזא היליגען חתן, אבער איך האב מיר קיין עצה געקענט געבען, וועלכען שידוך בוחר צו זיין, ווארום איך האב פארשטאנען אז אלע זענען נישט ראוי משדך צו זיין מיט איהם, ווייל ווער איז דאס ראוי צו נעמען א מאן פאר זיין טאכטער וועגען א בן של הקב"ה, דורך דעם האב איך ניט געקענט טוהען מיט איהם א שידוך, דערווייל איז אריבער נאך עטליכע יאהר, און דער זוהן איז נאך ניט קיין חתן, האב איך אנגעהויבען צו זארגען און מורא געקריגען אז דער זוהן זאל ח"ו נישט בלייבען אזוי זיצען, און וואס וועט זיין זיין תכלית, דער מענש איז דאך באשאפען געווארען ער זאל נעמען א ווייב און האבען קינדער בין איך אריין אין א שטארקע מרה שחורה, און האב ניט געהאט קיין שום עצה, האב איך מיר מיישב געווען, און איך ראובן בדחן בין מיר ארוים געגאנגען אין פעלד אריין און זיך אוועק געשטעלט אויף גאר א ריין ארט, און האב אוים געגאסען מיין ביטער הארץ פאר הקדוש ברוך הוא, און האב אזוי געטענהט פאר איהם, רבונו של עולם דו ווייסט דאך גאנץ גוט מיין ארבייט פאר דעם היליגען זוהן וועגען ביז ער איז געווארען איין גאון קדוש וטהור, און עס געפינט זיך נישט זיין גלייכען אין דער גאנצע וועלט, ווייסט דו אויך אז עס איז נישט דא אמענש וואס ער זאל זיין ראוי משדך זיין מיט איהם ער זאל ווערען א מחותן מיט דיר הקב"ה, ווארום די מחותנים דארפען האבען עפעס איין גלייכעניש, אין פסוק שטייט דאך „אין עוד מלבדו" צו הקדוש ברוך הוא איז קיין גלייכעניש, נאר די גמרא זאגט (יבמות ס"ג ע"ב נחות דרגא ונסיב איתתא) דאס הייסט ווען אמענש נעמט א ווייב זאל ער נעמען פון א נידריגער מדריגה פון זיך, ברויך איך חאטש טוהען מיט דעם גדול הדור, אזוי ווי משה רבינו ע"ה וואס עס שטייט ביי איהם „ותחסרהו מעט מאלקים" איז משה רבינו געווען מיט א מדריגה נידריגער פון הקדוש ברוך הוא, און די גמרא זאגט (שבת ק"א ע"א וש"מ משה שפיר קאמרת) זאגט רש"י הקדוש „גדול הדור", דארף איך זיך משדך זעהר מיט דעם גדול הדור, נאר דער גדול הדור וועט דאך ניט וועלען מיט איהם טוהען ווייל ער ווערט גערופען אויף מיין נאמען, ראובן בדחן'ס זוהן, און איך בין א אריטער בדחן, על כן בעהט איך דעם רבונו של עולם ער זאל מיר געבען עשירות איך זאל ווערען א גרויסער עושר, וועט שוין דער גדול הדור וועלען מיט מיר זיך משדך זיין, און הקב"ה וואס ער איז אמת וחסד, האט צו געהערט צו מיינע תחנונים און מיין תפלה איז אנגענומען געווארען, האט הקב"ה געהייסען דאס בית דין פון פמליא של מעלה זאל באטראכטען מיין משפט, איז ארוים דער פסק אז איך בין געקבט, און איך האב היכף געהערט א „בת קול" „ראובן" שטעל דיך

אנידער

ניִדער און שפריִט אויף דיִין מלבוש, האָב איך אַזוי געטוהען, און עס איז תיכף צראָבנעפאַלען פון היִמעל אַ גרויס פאַרמעגען גלייך צו מיר אין קלייד אריין, בין איך תיכף נעלאָפען מיט גרויס שמחה אז גאָט ברוך הוא האָט מיר שוין געהאָלפען. אויף דעם וועג איז מיר אנטקעגענען געקומען דער דאָזיגער שמעון ברחן, וואָס ער איז תמיד נעוואוינט צו וועלען וויסען וואָס ביי מיר איז. אז ער האָט דערזעהן דאָס איך טראָג אַזוי פיעל גאָלד מיט אבנים טובות, פרעגט ער מיר דו ביסט דאך אַ בדחן גלייך ווי איך און ווי קומט צו דיר אַזאַ עשירות, און ער איז דאך בטבע אַ צר עין און קען נישט פאַרגינען דעם צווייטען, נאָר איך, ווייל מיין טבע איז דאך להיפוך אַ טוב עין איך קען פאַרגינען יענעם אויך, האָב איך איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, און האָב איהם אויך געוויזען דעם אָרט ווי איך בין געשטאַנען אין פעלד. האָט ער גענומען שרייען פאַר וואָס איך האָב אויך אַ בן של הקב"ה און האָב איהם אויך מגדל געווען על תורה ועבודה, און האָט זיך אוועק געשטעלט אויף דעם זעלבען אָרט, און האָט געטענה'ט פאַר הקב"ה ער זאָל איהם אויך געבען עשירות, ווייל זיין זוהן ברויך אויך אַ שידוך טוהען אַזוי ווי דער זוהן פון ראובן. הקדוש ברוך הוא וואָס ער איז אַ שופט צדק האָט איהם אויך צו געהערט, און האָט אויך געהייסען דאָס בית דין של מעלה זאָל מעיין זיין אין זיין משפט, איז אַרויס דער פסק אז דער שמעון בדחן איז אַ שקרן און זאָגט ליגענד, נאָר ער וויל זיך גלייכען און נאָך טוהען אַלע מעשים פון ראובן, אַזוי ווי אַ מאַלפע מאַכט נאָך אַלעס פון אַמענש, על כן איז דער פסק אז דער ראובן זאָל געבען דעם שמעון צווי פעטש אויף די באַק און איהם אוועק שלייַדערען פון דעם אָרט. און אַזוי ווי דער ראובן האָט דאָס אַרויס געזאָגט האָט ער תיכף דאָס מקיים געווען, און איז אַראָב פון דעם טיש גלייך צו שמעון'ען און איהם געגעבען 2 פעטש אין די באַק אריין, און איהם אַרויס געשלייַדערט פון דעם הויז. ווי דער צדיק פון ריזין האָט די מעשה פלא אָבדערצעהלט, האָט ער זיך אויף געשטעלט און צוריק גענומען דעם כוס אין האַנד און געמאַכט קידוש:

און ווי דער חסיד ר' יחיאל ז"ל האָט דאָס דערצעהלט פאַר דעם הייליגען צדיק מקאָזיניץ זצ"ל, האָט איהם דער צדיק געפרעגט אויב ער האָט אַמאָל געהערט פון ריזינער ער זאָל אַמאָל לויבען זיינע אייגענע דברים בטלים, האָט געענטפערט דער חסיד ר' יחיאל הנ"ל איך וועל דערצעהלען וואָס מיינע אויערן האָבען געהערט מפיו הקדוש וזכותו יגן עלינו:

איין מאָל איז דער ריזינער אריין געקומען אין זיין בית המדרש אריין און אַלע מענשען האָבען זיך ארום אַניִדער געשטעלט וגם אני בתוכם, האָט ער אָנגעהויבען אַזוי צו זאָגען בזה הלשון: אברהם אבינו ע"ה האָט געוואָלט אָפּ שיידען די סטרא אחרא פון די מענשען, און מקרב זיין זייערע הערצער צום פאָטער אין היִמעל ית"ש, האָט ער מתקן געווען

אַ לאַנגע

א לאַנגע תפלה אַ הײליגע, דאָס איז תפלת שחרית, נאָר אַזוי ווי עס איז אַז דער רשע ראַנגעלט זיך תמיד מיט דעם צדיק, דורך דעם האָט זיך דער מלאך ס"ם מקנא געווען אין דעם, און האָט זיך אויס געלערענט די הײליגע תפלה, און האָט אין איהר אנ'אחיזה, על כן טרעפט זיך דורך דעם דאָס ווען אפילו דער מענש איז שוין מהפלל די תפלה, און איז נאָר אויסען מיט די תפלה נאָר זיך. איז דער נאָך אויף געשטאַנען יצחק אבינו ע"ה און האָט אַזוי געזאָגט: מײן פאָטער האָט מתקן גטווען א לאַנגע תפלה דורך דעם האָט זיך דער ס"ם מתקנא געווען און האָט אין איהר אַנ'אחיזה, איך וועל אָבער מתקן זײן נאָר א קורצע תפלה, דאָס איז תפלת מנחה וועט דער ס"ם מײנען אַז עס איז גאָר ניט כדאי זי אויס צו לערנען און האָבען אין איהר אַנ'אחיזה, נאָר אָבער די תפלה קצרה האָט ער זיך אויס געלערענט און האָט אין איהר אויך אַנ'אחיזה, אַזוי ווײט דאָס בײ די תפלה טרעפט זיך אויך, אַז דער מענש איז מתפלל, און איז אויסען נאָר זיך. איז דער נאָך אויף געשטאַנען יעקב אבינו ע"ה און האָט געזאָגט איך וועל מתקן זײן א תפלה וואָס דער ס"ם וועט שוין געווים נישט וועלען זיך דאָס אויס לערנען דאָס איז תפלת מעריב, ווײל דאָס איז נישט קײן חוב נאָר א רשות אַזוי ווי עס ווערט געפסקנ'ת (בש"ע או"ח) נאָר הײנטיגע צײט איז דאָס שוין אויך אַחוב, אָבער מיט דעם דין איז דאָס נאָר אַ רשות, איז ממה נפשך, וועט דער מענש מרגיש זײן אין זיך א רגע בקדושה וטהרה, וועט ער מתפלל זײן, און דער ס"ם ניט האָבען קײן אחיזה, און אויב נישט וועט ער נישט מתפלל זײן, ווײל עס איז נישט קײן חוב, וועט דעם ס"ם ניט כדאי זײן אויס צו לערנען און האָבען אַנ'אחיזה:

אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפען, און ער האָט זיך די תפלה אויך אויס געלערענט ווײל סוף כל סוף האָט מען דאָס אויך געמאַכט פאַר אַ חוב, איז דער נאָך געקומען דער האר"י הקדוש זכותו יגן עלינו, און האָט געזאָגט איך וועל מתקן זײן א זאַך וואָס דער ס"ם ווערט גאָר ניט קענען געוואָהר ווערען, און ממילא ניט קענען האָבען קײן אחיזה, דאָס הײסט, אַז מען זאָל זיצען בײ דעם טיש און גאָר ניט רײדען, נאָר מייחד זײן יחודים קדושים להשם יתברך, און ווײל מען זאָגט נישט מיט דעם מויל קײן שום דיבור, וועט דער ס"ם ניט קענען געוואָהר ווערען און האָבען אַנ'אחיזה, נאָר דעם סוף איז געווען אַז דער ס"ם איז פון דעם אויך געוואָרען, און פאַנגט מענשען בײ דעם אויך, איז געקומען און אויף געשטאַנען דער עיר וקדוש דער־ געזאַלבטער פון גאָט ברוך הוא דער רבינו בעל שם טוב הקדוש זצ"ל, און האָט גאָר מתקן געווען, אַ ענין און אַזעלכעס וואָס בשום אופן וועט דער סם ניט קענען האָבען צו דעם קײן אחיזה, דאָס הײסט, מען זאָל רײדען נאָר דברים בטלים פאַר מענשען, און באמת מיט דעם מייחד זײן יחודים קדושים ונפלאים להבורא יתברך, און דאָס וועט דער ס"ם געווים ניט קענען וויסען, און נישט

קענען

קענען זיך דאס אוים לערנען ביז משיח וועט קומען בב"א, ווייל מען קען האבען א טעות און מיינען אז דאס איז חלילה דברים בטלים ממש, היינט זשע ווי אזוי זאל זיך דער ס"ם דאס וועלען זיך אוים לערנען, ודי למבין:

און אזוי ווי דער צדיק מקאזניץ ז"ל האט דאס געהערט איז ער געווארען פון דעם מלא שמחה, און האט געהייסען זיך ברענגען א פלאש זעהר אלטען מעד פון אכטצעהן יאהר און האט מכבד געווען דעם חסיד ר' יחיאל ז"ל הנ"ל וואס האט איהם דאס אלעס דערצעהלט, און האט איהם געזאגט, אז ער האט איהם גאר מחי' געווען מיט די מעשה, ווייל זיין טבע איז אויך געווען אריין צו קומען אין בית המדרש אריין צו די תפלה אנגעטוהען דעם טלית און די תפילין אויף די האנד, און איידער ער האט געמאכט די קשירה פלעגט ער ריידען פון פערשידענע נייעס פון דער וועלט, וואס פלעגט אוים זעהן ווי דברים בטלים חלילה, און באמת האט ער מיט דעם מייחד געווען יחודים גדולים וקדושים:

אויף די בעוואוסטע גרויסע חתונה און די שטאדט אסטילע, וואס אויף די חתונה איז געווען כמעט אלע גרעסטע און הייליגע רבנים צדיקי עולם און בעוואוסטע קדושים וואס זיי זענען שוין אלע אין ארץ החיים זכותם יגן עלינו, זיי זענען געווען כמעט אלע מחותנים כידוע, און ווען אלע זענען שוין געווען גרייט צו דער חופה, האט מען זיך דערוואוסט אז דער ריזינער איז נאך ניט געקומען, און ער איז אויך געווען פון די מחותנים האט מען געוואוסט זיכער אז ער וועט קומען, איבער דעם האט מען געווארט אויף דעם ריזינער מיט דער חופה, און אזוי איז געווען, עס איז תיכף געקומען שליחים זאגען אז דער ריזינער קומט אן אין שטאדט אריין צו פאהרען, עס איז תיכף געווארען א רעש גדול, גלייך ווי א מלך וואלט געבראכט אנקומען, און דער עולם האט זיך געלאזט לויפען צו דעם וועג ווי דער ריזינער האט געזאלט אדורך פאהרען, כדי זיי זאלען קענען איהם זעהן ווען ער וועט אנקומען, און דורך דעם גרויסען ענג-שאפט וואס עס איז געווארען פון פיעל מענשען, איז ניט מעגליך געווען, דאס דער ריזינער זאל קענען א דורך פאהרען, האט מען געמוזט ארוים שיקען מענשען רייטערים אויף פערד מיט רצועות אין די הענד כדי אוועק צו טרייבען דעם עולם, און צו מאכען א וועג מען זאל קענען א דורך פאהרען, אין דעם גרויסען ענגשאפט זענען פיעל מענשען גיראניערט געווארען און צו קוועטשט געווארן פון די רייטערים, איז דער רעש נאך גרעסער געווארען, האט דער הייליגער גאון און צדיק הר' שמעון דייטש זצ"ל מיעליחאוו, וואס איז אויך געווען דארט אלס מחותן, געזאגט צו דעם חסיד המפורסם ר' חיים זאב ז"ל פון דארטען, ער זאל געהן מיט איהם זעהן דעם מענש וואס ברויך אנקומען, וואס דורך איהם קריגען מענשען געשלאגען און ווערען דערדריקט. אז זיי זענען צו געקומען נאענט צו די שיינע קאטש וואס דער ריזינער איז געזעסען, האט דער ריזינער

א-וים

ארויס געקוקט פון די קאטש האט איהם דער צדיק ר' שמעון דייטש געזעהן, האט ער זיך אנגערופען צו דעם חסיד ר' חיים זאב ז"ל יעצט איז מיר שוין אלעס פארענטפערט, און איך האב שוין נישט קיין שום קשיא אויף דעם ריזינער, און אז זיי זענען צו געקומען נאך נעהנטער, איז דער ריזינער ארויס געגאנגען פון די קאטש, און זיי האבען זיך געגעבען שלום עליכם, האט זיך דער ריזינער אנגערופען צו ר' שמעון דייטש בזה הלשון: מחותן איך האב געהערט א נאמען „דייטש" בין המחותנים ויער איז דאס, האט ר' שמעון געענטפערט איך בין דאס, האט איהם דער ריזינער געבעטען צו זיך אין קאטש אריין, און אויך דער חסיד ר' חיים זאב איז אויך אויף געזעסען ביי דעם שמייסער, און זיי זענען צו זאמען אריין געפאהרען אין שטאדט אריין מיט גרויס שמחה, און זיי זענען תיכף געגאנגען צו דער חופה, און עס איז געוועזען א שמחה רבה בין המחותנים הרבנים, און תיכף נאך דער חופה איז דער ריזינער געפאהרען א היים, נאר ווען ער האט זיך געזעגענט מיט ר' שמעון דייטש זצ"ל האט ער איהם געבעטען דאס נאך דער חתונה זאל ר' שמעון דייטש זיין ביי איהם אין ריזין, און ר' שמעון האט איהם צו געזאגט, נאר דער חסיד ר' חיים זאב האט נעהאט פון דעם גרויס צער, ווייל דער ריזינער האט געהאט זעהר די פיינע און גוטע קאטש מיט די גאר גוטע פערד, איז ער געפאהרען זעהר געשווינד און בעקוועמט, אבער ר' שמעון דייטש האט נאר געהאט א פשוט'ען וואגען מיט א געמיין פערדיל, האט געברויכט דויערען זעהר לאנג דאס פאהרען קיין ריזין און אויך אגרויסע טרחה, נאר ווייל אבער ר' שמעון האט איהם צו געזאגט דורך דעם האט ער ניט געהאט די העזה נישט צו וועלען מיט־פאהרען, איז ער אויך מיט־געפאהרען מיט ר' שמעון דייטש זצ"ל קיין ריזין, אז זיי זענען געקומען קיין ריזין און זענען אריין געקומען צום ריזינער איז געווארען די שמחה זעהר גרויס ביי דעם ריזינער אין הויז, מען איז זיי אנטקעגען געגאנגען, דער ריזינער האט געהאט איין חדר מיוחד זעהר א שעהן חדר מיט די טייערסטע זאכען און הערליכקייט, וואס דאס חדר איז געווען פארשלאסען א גאנץ יאהר, נאר צוויי מאל אין יאהר איז דער ריזינער אריין געקומען דארטען: יום כפור און פורים, און צו ליעב דעם גאסט, האט ער דעם חדר אויף גע־שלאסען, און זיי ביידע דער ריזינער מיט ר' שמעון דייטש זענען אריין געגאנגען, און דעם ריזינערס קינדער מיט ר' חיים זאב, האבען ניט געהאט קיין רשות אריין צו געהן נאר זיי זענען געשטאנען ביי דער טיהר און צו־געזעהן און געהערט אלעס. אז דער צדיק ר' שמעון דייטש האט אנגעקוקט דאס טייערע חדר, האט ער זיך אנגערופען צו דעם ריזינער איהר באוואוינט זיך ווי א מלך, און דער ריזינער האט אויף דעם גאר ניט געענטפערט. נאר האט איהם צו געפיהרט צו דעם פענסטער. דארט איז געשטאנען צוויי גאלדענע שטילען און זיי האבען זיך ביידע געזעצט אייגער קעגען אנדערען,

דער

דער נאָך איז דער ריזינער צו געגאַנגען צו דעם אָרט ווי עס איז געשטאַנען צווי גאָלדענע לולקעס צום רייכערן און האָט זיך גענומען איינע, און די אַנדערע דערלאַנגט דעם צדיק ר׳ שמעון דייטש זצ״ל האָט ר׳ שמעון ניט געוואָלט צו נעמען, און האָט געזאָגט מיר האָבען ניט אַזוי געלערנט, האָט דער ריזינער אָנגעהויבען זעהר שטאַרק צו וויינען, און האָט זיך אָנגערופען ווי נעמט מען אַ אָרט צו וואוינען אין יראה ותשובה און האָט תיכף אָנגעהויבען צו דערציילען אַ מעשה:

איין מאָל האָט איינער אַ איד, וואָס ער איז געוועזן זעהר אַ גרויסער מייסטער און אַ קינצלער פון אויף שטעלען הייזער און הילצערנע געביידעס, מיט אַמאָל האָט זיך געטראָפען דאָס ער איז געגאַנגען אין זעהר אַ גרויסען וואַלד, האָט ער דערזעהן דאָרט אין וואַלד, אַ טייערען גרויסען בוים, וואָס לויט זיין מבינות איז דער בוים געוועזן דאָס טייערסטער אין די גאַנצע וועלט, מען זעהר גאָר נישט און עס איז גאָר נישט בנמצא דאָס מין האָלץ, האָט ער זיך מיישב געוועזן און עס איז איהם איינגעפאַלען, דאָס ווען ער זאָל קענען בעקומען דעם בוים וואָלט ער געקאָנט אויף שטעלען און מאַכען אַ פּאַלאַץ פאַך דעם מלך, וואָס ער וואָלט געוועזן איינער אין די גאַנצע וועלט און עס וואָלט זיין גלייכעניש גאָר ניט געוועזן און דאָס וואָלט געוועזן פאַר דעם גרעסטען כבוד צו דעם מלך, און מלכים וואָלטען זיך מקנא געוועזן אין דעם מלך פאַר דעם הערליכען שיינעם טייערען פּאַלאַץ, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין עצה ווי אַזוי צו קריגען און בעקומען דעם דאָזיגען גרויסען טייערען בוים, איינס איז דער וואַלד גיט זיינער, דאָס צווייטע אָפּ צו זעגען און אוים אַרבייטען דעם בוים דאַרף מען האָבען פיעל אַרבייטער, האָט ער זיך זעהר צו וויינט, און האָט גאָר ניט געקענט אַ וועק־געהן פון דעם אָרט, דער ווייל איז דער מלך בכבודו ובעצמו אַדורך געפאָהרען אין דעם וואַלד, און ווי דער איד האָט דערזעהן דעם מלך איז ער געלאָפען אַקעגען מלך, און האָט זיך געוואָרפען צו די ערד פאַר דעם מלך און זעהר געוויינט, האָט זיך דער מלך אָפּ געשטעלט אַזוי ווי דער נימוס איז, און האָט געהייסען דעם איד זיך אויף שטעלען און איהם געפרעגט וואָס ער פערלאַנגט, האָט דער איד דערצעהלט פאַר דעם מלך די גאַנצע זאַך פון דעם טייערען בוים, איז דאָס זעהר נושא חן געוועזן ביי דעם מלך, און דער מלך האָט תיכף באַפּוילען ברענגען אַרבייטער אין אָפּ שניידען דעם בוים און אוים אַרבייטען איהם, און דאָס ברענגען אין די קייזערליכע הויפט־שטאָדט אַריין, און דער איד זאָל קומען און מאַכען דעם פּאַלאַץ, און אַזוי איז געשעהן. אין אַ קורצע צייט האָט דער איד פאַרטיג געמאַכט זעהר אַ טייערען און שיינעם פּאַלאַץ וואָס זיין גלייכעניש איז ניט געוועזן אין די גאַנצע וועלט, אַזוי ווי דער איד האָט געזאָגט, אַזוי איז געוועזן, און אַלע מלכים פון דער וועלט האָבען זיך מתקנא געוועזן אין דעם מלך איבער דעם הערליכען גרויס־אַרטיגען

פּאַלאַץ

פאלאץ, דורך דעם איז דער איד זעהר נושא חן געקריגען ביי דעם
מלך און האט איהם גימאכט פאר אגרויסען שר, אזוי וויט אז ער איז
געווארען אשר איבער אללע שרים, נאר איין זאך האט געפעהלט נאך
צו דעם פאלאץ גלעזערנע שויבען, וויל לויט זיינע טייערקייט האט מען
געברויכט שויבען אזעלכע וואס זאל פאסען צו דעם פאלאץ זיי זאלען
אויך זיין איקר המציאות איינס אין דער וועלט, אין די אללע גלאזען
וואס מען האט געברענגט האט אלעם ניט געפאלען עס זאל האבען
איין גלייכעניש צו דעם פאלאץ, נאר דאמאלס האט זיך געפינען איינער
א קאזאק, וואס ער איז געווען אגרויסער אומן און אגרויסער מבין אין
דער מלאכה פון גלאז-ארבייט, האט ער געזאגט, אז עס געפינט זיך
אאינזעל ביי דעם ים און ער ווייסט פון דעם, און דארט געפינט זיך
אמין זאמד, און אז ער זאל האבען דאס זאמד וואלט ער געמאכט
גלאז פון דעם זאמד וואס עס וואלט אויך געווען איינס אין דער וועלט
מיט זיין קלאר און הערליקייט, און עס וועט ראוי זיין פאר שויבען אין
דעם פאלאץ א־יין און ביי אמלך איז דאך אלעם מעגליך, האט מען
איהם תיכף געשיקט אהין און ער האט געבראכט דאס טייערע זאמד
און האט טאקי געמאכט דאס גלאז אזוי ווי ער האט געזאגט. איז דער
קאזאק אויך זעהר גרויס געווארען ביי דעם מלך, און איז געווארען
איינער פון די גרעסטע שרים ביי דעם מלך און דער קאזאק האט אנ-
געהויבען מלשין זיין פאר'ן מלך אויף דעם איד, וויל ער האט זיך אין
איהם מתקנא געווען וויל דער איד איז געווען מעהר חשוב ביי דעם
מלך ווי דער קאזאק, נאר דער מלך האט נישט געוואלט צו נעמען קיין
שום לשון הרע אויף דעם איד, וויל ער האט איהם געקענט פאר
א איש תם מיט אמת, האט דער מלך אלעם פאר ענטפערט, נאר איין
מאל האט זיך געמאכט, און עס האט מצליח געווען דער מעשה-שטן,
און דער קאזאק האט מלשין געווען אויף דעם איד פאר דעם מלך,
און דער מלך האט ניט געהאט קיין שום תירוץ, און האט געמוזט איבער
געבען דעם אידען פאר דעם משפט, און די שופטים וויל זיי זענען אלע
געווען איהם שונאים, האבען זיי ארויס געגעבען דעם פסק אז דעם
איד קומט מיתה ר"ל, דער מלך האט דאס דערהערט האט ער געהאט
גרויס צער נאר ער האט איהם ניט געקענט שענקען דאס לעבען און
עובר זיין אויף דעם געזעץ, האט דער מלך רחמנות געהאט אויף איהם,
האט ער איהם אוועק געשיקט צו אתלין וואס דער מלך האט גע-
האט, זעהר וויט פון דעם מלך ערגעץ אויף אאינזעל, און האט איהם
מיט געגעבען אבריעף צו דעם תלין, און איהם אזוי געשריבען, איך
שיק דיר דעם מענש און גיב איבער אין דיין רשות לחיים או
למות ווי דיר וועט געפעלען, און די שופטים פון מלך זענען מיט דעם
צופריהען געווען וויל זיי האבען געקענט דעם תלין פאר אגרויסען
ארזר

אכזר און אביר הלב און אמענשען-פֿינד זיינען זיי בטוח געווען אז ער וועט פֿון זיינע הענד נישט ניצול ווערען, נאר ער וועט איהם געוויס אריין ווארפען אין ים אדער אמיתה אחרת, און זייער כעס האט זיך מיט דעם צו פֿרידען געווארען און פֿאר געסען געווארען:

אז דער מענש איז געקומען צו דעם תלין, און מיט גענומען זעהר אגרויס פֿערמעגען, האט דער איד אזוי געזאגט צו דעם תלין: דו זעהסט דאך אליין פֿון דעם בריעף אז דעם מלך'ס רצון איז ניט איך זאל געהרג'עט ווערען, נאר פֿארקעהרט פֿון דעם בריעף איז גאר אראי' אז זיין רצון איז גאר איך זאל בלייבען לעבען, לכן וועל איך דיר א וועק געבען דאס גאנצע פֿערמעגען און זאלסט מיר לאזען לעבען וכן הי', נאר ער האט דעם איד אנגעזאגט אז ער זאל דארטען זיין און קיינמאל ניט א וועק פֿון דארטען, און אזוי האט געדויערט א זמן רב, איין מאל איז דער איד ארום שפאצירט ביי דעם בארטען פֿון דעם דארטיגען ים. האט ער דערזעהן זעהר אגרויסען פֿיש האט ער איהם געפֿאנגען, און האט איהם געשעכט און האט געפֿינען א טייער פֿינגערי'ל איין געפאסט אין דעם א גרויסער טייער ברילאנט און אום געקריצט דעם מלך'ס חתימה, האט ער דאס צוגענומען אין קעשענע אריין, און איז געקומען צום תלין, און האט איהם אזוי געזאגט, אזוי ווי איך האב א נייטיגע זאך צו דעם מלך וואס איך ווייס געוויס אז איך וועל מצליח זיין ביי דעם מלך און אזוי ווי דו ווייסט דאך אז דער רצון פֿון מלך איז איך זאל בלייבען לעבען, על כן זאל ער דער תלין צו נעמען ביי איהם אלעס וואס ער פֿערמאגט און זאל איהם אפ לאזען א היים, דער תלין האט אויך פֿארשטאנען אז דער איד איז גערעכט האט ער איהם צו ליעב געטוהען און האט ביי איהם צו גענומען דאס אלעס און האט איהם אבגעלאזט אהיים, און דער איד איז אזוי לאנג געגאנגען ביז ער איז געקומען אין די קייזערליכע שטאדט אריין, און פֿאר דעם מלך'ס פאלאץ איז געווען א גרויסער וואלד און אין וואלד איז געווען א טייך וואסער, און אין דעם טייך פֿלעגט זיך דער מלך אלע טאג זיך באדען און דער איד האט געוויסט פינקטליך די צייט ווען דער מלך איז דא ביי דעם טייך, איז דער איד געגאנגען דארטען מיט עטליכע מינוט פֿריער און האט זיך אוים געטוהען די קליידער און איז אריין אין טייך אריין און האט אנגעהויבען צו שווימען און דער מלך איז אנגעקומען האט ער דער זעהן ווי א מענש שווימט, האט זיך דער מלך אפ גישטעלט און זיך פֿערוואונדערט און האט איהם גערופֿען ער זאל צושווימען צום בארטען אז ער איז צו געקומען נעבען מלך האט איהם דער מלך דערקענט, און האט איהם געפֿרעגט ווי אזוי ער קומט אהער, איז ער געפֿאלען פֿאר דעם מלך צו די פֿים, און זעהר אנ-געהויבען צו וויינען פֿאר דעם מלך, און ער האט דערציילט פֿאר דעם

מלך

מלך, אַז ווי ער איז געקומען צו דעם תלין. האָט איהם דער תלין אַריין געוואָרפען אין ים אַריין, איז תיכף געקומען אַ גרויסער פיש און האָט איהם איינגעשלינגען אין זיך, און איהם געבּרענגט פאַר אַמתנה צו דעם לויתן דער מלך פון די פיש, און אַז דער פיש האָט איהם צוריק אויס געשפּיגען, און איהם פאָרגעשטעלט פאַר דעם לויתן, האָט איהם דער לויתן געפרעגט ווער ביסט דו, און ווי אַזוי קומסטו דו אַהער, האָב איך איהם דערצייהלט די גאַנצע געשיכטע מהחל ועד כלה, און אַזוי ווי עס איז דאָך ידוע „דכל מה שיש ביבשה יש בים" אַז אַלעס וואָס עס געפינט זיך אויף דער ערד, געפינט זיך דאָס זעלבּע אויך אין ים, על כן האָט דער לויתן פאַרלאַנגט פון מיר, און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט, אַזוי גוט ווי דיין מלך איז אַמלך אויף דער יבשה, אַזוי בין איך אַמלך אויף דעם ים, פערלאַנג איך פון דיר אַז דו זאָלסט מיר אויך אויף שטעלען אַזוי ווי יענער פּאַלאַץ, האָב איך געמוזט טוהען זיין רצון און האָב איהם אויף געשטעלט אַפּאַלאַץ פּינקטליך און גלייך ווי דיין פּאַלאַץ, נאָר עס פעהלט אָבער דאָרטען אויך דאָס טייערע גלאָז אויף שויבען פאַר דעם פּאַלאַץ, האָב איך געזאָגט דעם לויתן אַז דאָס קען איך ניט מאַכען, נאָר עס געפינט זיך איין שר גדול ביי דעם מלך דאָס איז דער קאָזאַק, און ער קען און ווייסט צו מאַכען דאָס טייערע גלאָז, און ער האָט געמאַכט דאָס גלאָז פאַר דעם מלך'ס פּאַלאַץ, האָט מיר דער לויתן געענטפערט, אַז אַזוי, וועל איך דיר שיקען צו דעם מלך און איהם בעטען ער זאָל מיר שיקען דעם קאָזאַק, פאַר וואָר איך בין דאָך אויך אַמלך, און דער שטייגער פון מלכים איז דאָך צו טוהען איינער דעם אַנדערען אַ טובה, און ער האָט מיר געגעבּען אַ סימן און אַצייכען דאָס דאָזיגע פינגעריל פון אדוני המלך וואָס דער מלך האָט דאָס אַראָב געלאָזט אין וואַסער אַריין, האָט דאָס אַ פיש געבּרענגט צו דעם מלך פון ים דער לויתן, האָט דאָס דער לויתן מיר געגעבען דאָס פינגעריל אַז איך זאָל דאָס אַוועק געבען דעם מלך אויף זיין נאָמען, און ווי דער לויתן האָט מיר געגעבען דאָס פינגעריל האָט ער גע־הייסען אַ פיש זאָל מיך נעמען און מיך אויס שפּייען אויף דעם אָרט. און אַז דער מלך האָט דערזעהן דאָס פינגעריל האָט ער דאָס דער־קענט און ער האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז אמת. איבער דעם האָט דער מלך געהייסען נעמען דעם קאָזאַק און איהם אַריין וואַרפען און ים אַריין און איהם אַוועק שיקען צו דעם לויתן דער מלך המים, און דעם דאָזיגען מענש האָט דער מלך געהייסען מאַכען זעהר גרויס, נאָך גרעסער פון פריער, און אַזוי איז געשעהן, און אַז דער הייליגער צדיק דער ריזינער האָט געענדיגט צו דערציילען, די וואונדערליכע געשיכטע האָט ער אָב געזאָגט דעם הייליגען גאון ר' שמעון דייטש לשלום און האָט שוין מעהר קיין וואָרט גערעדט, און דער גאון ר' שמעון דייטש

פלעגט

פלעגט זאגען אז ער האט תמיד הנאה אז ער דערמאנט זיך די דאזיגע נסיעה. עד כאן האב איך געהערט פון אאיש נאמן וואס ער האט דאס אליין געהערט פון דעם חסיד המפורסם רבי חיים זאב הנ"ל, און אויך איך דער שרייבער פון דעם, אז איך האב גערעדט פון דעם מיט איינעם א בנן של קדושים פון רוסלאנד, האט ער מיר געזאגט אז די מעשה איז מפורסם בין הרבנים וצדיקים, און אויך איז ידוע אז דער ריזינער האט געזאגט אויף דעם קאזאק הנ"ל אז ער הייסט „המחה" הלואי מיר זאלען זוכה זיין עס זאל מקויים ווערען דער פסוק פון תמחה וגו' בב"א:

דער הייליגער צדיק פון ריזין ווען ער איז געווען אין דער שטאדט לעמבערג, ווייל ער האט געברויכט זיין ביי די ארטיגע דאקטורים צו היילען זיך. איז ער געגאנגען מקבל פנים זיין דעם ארטיגען רב דער גרויסער גאון הר' יעקב אורינשטיין דער בעל המחבר פון דעם ספר „ישועות יעקב" וואס ער איז דאמאלס געווען דער מרא דאתרא פון לעמבערג, און דער רב האט זיך טאקי מכין געווען מקבל צו זיין דעם ריזינער מיט דעם גרעסטען כבוד, און ער האט גערעכענט אז דער ריזינער וועט געוויס מיט איהם רעדען אין דברי תורה און וועט אוודאי זאגען עפעס א חידוש אדער א פלפול אין לערנען, און לסוף אז דער ריזינער איז געקומען צו דעם רב דער גאון הנ"ל, האט איהם דער ריזינער געפרעגט פון וואס מאכט מען אין לעמבערג די דעכער צו די גרויסע געמוירטע הייזער, האט איהם דער רב געענטפערט פון בלעך, האט איהם דער ריזינער ווייטער געפרעגט פאר וואס מאכט מען נישט פון ציגעל וואס מען רופט צרפ־צים (דאבעווקעס) איז דאך אויך באווארענט פאר אשריפה, און אז דער ריזינער איז אוועק געגאנגען פון דעם רב האט זיך דער רב זעהר אום געלאכט פון דעם ריזינער, און האט זיך אנגערופען מיט פארוואונדערונג דאס איז דער מענש וואס ער איז אזוי מרעיש די וועלט און עס לויפען צו איהם די גאנצע וועלט מענשען זאל גאר עוסק זיין אין אזעלכע זאכען? און אז דער צדיק הר' מאיר מפרימישלאן האט דערהערט אז דער ריזינער איז געקומען קיין לעמבערג איז ער אויך תיכף געקומען קיין לעמבערג און האט זיך געוואלט מיט איהם זעהן, נאר ער האט אבער פארשפעטיגט נאר ווען ער איז אנגעקומען קיין לעמבערג, איז שוין דער ריזינער געהאט אוועק געפאהרען פון דארט, און אז דער צדיק מפרימרשלאן האט זיך נאך געפרעגט דארט ווי אזוי ער האט זיך דא נוהג געווען, האט מען איהם אויך דערציילט פון דעם וואס דער ריזינער האט גערעדט מיט דעם רב, האט דער צדיק הר' מאיר מפרימישלאן געענטפערט אז דער רב הגאון האט גאר נים פאר־שטאנען וואס דער ריזינער האט איהם געזאגט, ווייל דער ריזינער האט גערעדט בדרך חכמה, אזוי ווי דער דאך איז דאך געמאכט

געווארען

געוואָרען פאַר אַ מגין אַ בּעשיצונג פאַר דעם הויז, אַזוי אויך דאַרף דער רב פון דער שטאָדט זיין אַ מגין און אַבּעשיצער פון די גאַנצע שטאָדט, און דאַרף האָבּען אין זיך אַ „לב נשבר ונדכה" אַ ווייך און צו בּראָכען האַרץ, און פאַר וואָס איז ער גאָר אַזוי האַרט ווי אייזען־בּלעך:

נאָך דער פּטירה פון דעם היילינען צדיק הר' דוב בער בן הרב מלאדי איז אויף געגאַנגען אויף די חסידים'ס דעה זיי זאָלען פריבּען פאָהרען צו דעם ריזינער אויב זיי וועלען קענען אין איהם זיך בּאַהעפטען, און דאָס איז דאָך ידוע דאָס תהלוכות פון די רוסישע חסידים אַז זיי זענען געוואוינט מיט תורות על דרך חב"ד, און אַז זיי זענען געקומען צו דעם ריזינער וואָס זיין דרך איז געווען ממעט צו זיין אין דיבורי תורה נאָר „כבוד ה' הסתר דבר" גאָט בּרוך הוא'ס כבוד איז צו פאַרבּאָרגען, דורך דעם האָבּען זיי ניט געפינען בּיי דעם ריזינער דאָס וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, זענען זיי געקומען פאַר דעם ריזינער זיך געזעגענען און האָבּען שוין געוואָלט אַהיים פאָהרען, האָט דער ריזינער בּיי דעם געזעגענען זיי דאָס געזאָגט. עס שטייט געשריבּען אין די תורה (שמות ג' י"ג) „ויאמר משה אל ה' הנה אנכי בא אל בני ישראל ואמרו לי מה שמו מה אומר אליהם" האָט משה געזאָגט צו גאָט אַז איך וועל קימען צו די אידען און זיי וועלען מיך פרעגען ווי אַזוי הייסט גאָט, וואָס זאָל איך זיי זאָגען, איז לויט דעם פראָסטען פּשט איז גאָר ניט צו פערשטעהן היתכן ? משה רבינו דער רבי פון אַלע אידען זאָל גאָר בּיז יעצט ניט האָבּען געוויסט ווי אַזוי דער נאָמען פון גאָט. חאָטש ער איז געווען בּיז דאַמאָלס אין מצרים, פון דעסטוועגען קען מען ניט זאָגען אַז ער זאָל גאָר ניט האָבּען געוויסט פון גאָט, נאָר דער אמת איז אַזוי, אַז די אידען האָבּען אויך געוויסט אַז דער נאָמען איז ה', און דאָס איז דער טייטש וואָס משה האָט געזאָגט „ואמרו לי מה שמו" זיי וועלען מיר זאָגען ווי אַזוי איז זיין נאָמען, דאָס מיינט מען אַז זיי וועלען מיר נאָך פריהער זאָגען דעם נאָמען ווי אַזוי, זיי ווייסען שוין דאָס פון לאַנג האָט משה געפרעגט „מה אומר אליהם" וואָס וועל איך זיי זאָגען אַנייעס וואָס זיי ווייסען נאָך נישט פון דעם, האָט איהם גאָט געענטפערט: „ויאמר אהי' אשר אהי'", אהי' בּאַטרעפט איינצוואַנציג, צוויי מאָל אהי' איז איינענצוואַנציג מאָל איינענצוואַנציג בּעטרעפט פונקט אַזוי ווי דאָס וואָרט „אמת" „ששמו של הקב"ה אמת" דער נאָמען פון גאָט איז „אמת":

אַמאָל איז דער ריזינער געפאָהרען קיין אָדעס, ווייל די דאָקטוירים האָבּען געהייסען איהם זיך בּאָדען פאַר ארפואה אין דעם ים פון אָדעס, איז דאַמאָלס געווען אין אָדעס איינער וואָס ער האָט געהייסען מיט דעם נאָמען מאיר און דער איז געווען אַ אייניקעל פון דעם בּעוויסטען גאון און צדיק הר' יעקב עמדן, נאָר ער האָט זיך נישט

געפיהרט

געפֿירט בדרך אבותיו, און ער איז אַרוים געגאַנגען לתרבות רעה ר"ל, אַז דער ריזינער האָט זיך פֿון דעם דערוויסט האָט ער געשיקט נאָך איהם, און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל מיט איהם מיט פֿאָהרען קיין ריזין, און דער ריזינער וועט איהם געבען אַלע זיינע הצטרכות, איז ער מרוצה געוואָרען, און איז מיט געפֿאָהרען מיט דעם ריזינער קיין ריזין און דער ריזינער האָט איהם געגעבען אַלע זיינע הצטרכות, און האָט אויך איהם מחזיר בתשובה געווען, איין מאָל האָט איהם דער ריזינער געזעהן ווי ער איז זעהר פֿאַר זאָרגט, און זיין פנים איז טרויעריג, האָט איהם דער ריזינער געפֿרעגט, בזה הלשון, מאיר בנו פֿאַר וואָס ביסט דו אַזוי פֿאַרזאָרגט, אויב אויף דיינע זינד וואָס די האָסט געזינדיגט פועל'ט דאָך אויף אלעם תשובה, האָט מאיר געענטפֿערט, פֿאַר וואָס זאָל איך נישט זאָרגען, אַז איך האָב זייער פֿיעל געזינדיגט און אפילו נאָך דעם ווי איך האָב תשובה געטוהען האָב איך ווייטער געזינדיגט, ווייס איך נישט יעצט צי איך וועל נתקבל ווערען בתשובה, האָט איהם דער ריזינער געענטפֿערט מאיר מען זאָגט דאָך אויף דיר אַז דו ביסט אַ עילוי און אַגרויסער למדן, וועל איך דיר ענטפֿערען כדרך הלומדים, עס שטייט געשריבען „כי אתה סלחן ומחלן לשבטי ישורין" איז דאָך די קשיא עס וואָלט דאָך געגוג געווען עס זאָל שטעהן „סולח ומוחל" אָהן דעם אות נו"ן, נאָר עס געפֿינט זיך אין די גמרא (ב"מ ל"ג ע"א) דרשות די גמרא אויף דעם פסוק „רובץ התחת משאו עזוב תעזוב עמו", אַזוי: „רובץ ולא רבצן" זאָגט רש"י הקדוש וואָס מיינט מען „רבצן", „הרגיל בכך במי שדרכו לרבוץ תמיד פטורין ממצות" „עזוב תעזוב" אַ זעלבער וואָס זיין שטייגער איז תמיד אַרינטער צו פֿאַלען אונטער זיין משא, איז מען פטור פֿון די מציה „עזוב תעזוב" איהם צו העלפֿען, זעהט מען דאָך פֿון דעם אַז דורך דעם אות נו"ן איז דער טייטש פֿון דעם וואָרט, אַז עס איז אַזוי תמיד אין אַ רגילות, „רובץ" אנאַני"ן איז דער טייטש אַמאָל אַטראָף, און „רבצן" מיט אנו"ן איז שוין דער טייטש שטענדיג, אַזוי אויך איז דער חילוק צווישען דעם וואָרט „סולח" אָדער „סלח" און אויך „מוחל" אָדער „מחלן", ווען עס זאָל שטעהן אין דעם פסוק „סולח" אָדער „מוחל" וואָלט געווען דער טייטש נאָר אַמאָל אַז אַ מענש זינדיגט איז השם יתברך איהם מוחל, אָבער אַז ער זינדיגט אַסך מאָל איז מען איהם שוין נישט מוחל חלילה, איבער דעם האָט דער פסוק געשריבען „סלחן ומחלן" צו ווייזען אַז אפילו ווען דער מענש זינדיגט זעהר פֿיעל, און איז דער נאָך חוזר בתשובה שלימה, איז איהם השי"ת אויך מוחל, ווייל ער איז סלחן ומחלן תמיד ורגיל בזה:

„אם יקום והתהלך בחוץ על משענתו ונקה המכה רק שבתו יתן ורפא ירפא" (שמות כ"א) האָט דער ריזינער אַזוי געטייטש „אם יקום" דאָס

דאָס הייסט אויב ער איז איין עושר און זעהר רייך, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט אויף דעם פסוק „ואת כל היקום אשר ברגליהם" „זהו ממונו של אדם שמעמידו על רגליו", דאָס געלד פון מענש שטעלט איהם אויף די פיס, איז דאָס וואָרט „היקום" דער טייטש געלד, „והתהלך בחוץ" און ער געהט אַרום פון דעם אידישען וועג, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט „יש עושר שמור לבעליו לרעתו" אַמאָל איז דאָס עשירות פון דעם מענש ניט פאַר זיין גוטען, און מיר זעהן דאָס אויך מיט אונזער אויגען ביי היינטיגע צייט טרעפט פיעל מאָל אַז דורך גרויס עשירות, טרעט דער מענש אָפּ פון דעם אידישען וועג, און דאָס קומט אַרויס פון דעם וויל „על משענתו" דער מענש זאָגט אין טראַכט ביי זיך „כחי ועוצם ידי עשה לי החיל" הזה, דורך מיין כח און מיין פעהיגקייט האָב איך געמאַכט דאָס גרויסע פערמעגען מיינס, און זאָגט ניט אַז גאָט האָט איהם געהאָלפען, און באמת קען זיך אַמענש זעלבסט אָהן השם יתברך גאָר ניט העלפען, איבער דעם גוט די הייליגע תורה אונזערע אַעצה טובה דעם מענש, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויס היילען פון זיין חולי הנפש און עס זאָל מקויים ווערען „ונקה המכה" ער זאָל גע־היילט ווערען פון זיין „מכה" די ראַנע זיינע, זאָגט ווייטער דער פסוק „רק שבתו יתן" זיין תשובה איז ער זאָל נאָר „געבען", ער זאָל טוהען אַ סך צדקה און גמילות חסדים, „ורפא ירפא", וועט ער פון דעם אויס־געהיילט ווערען אַזוי ווי עס שטייט געשריבען „ושב ורפא לו" דורך תשובה ווערט מען געהיילט:

דער צדיק הר' יוסלי מראדוויל זצ"ל אַאייניקעל פון דעם הייליגען צדיק הר' מיכלי מזלאטשוב זכותו יגן עלינו, האָט געזאָגט אַז ער האָט געהערט פון זיין רבין דער ריזינער, אַז ער האָט געזאָגט אויף זיך בזה הלשון: איך בין „אַגראַביאַן" אין דער ריזינער האָט אַליין געזאָגט אויף דעם פשט אַזוי. דער דרך עולם איז אָנ־צורופען אַמענש וואָס ער איז עוסק אין אַמלאכה מיט דעם נאָמען פון זיין מלאכה, דרך משל, ווען אַמענש איז עוסק אין אַמוהל ווי מען מאָלט מעהל רופט מען איהם מילנער, אַז אייגער איז עוסק ביי בלעך־וואַרג רופט מען איהם בלעכירש און אַזוי ווייטער, אַזוי אויך איך וויל איך בין עוסק צו מאַכען פון דברים גשמיים גראָבע זאַכען דאָס הייסט עסען און טרינקען און נאָך אַלערליי זאַכען, עס זאָל ווערען פון דעם בלויז רוחניות עס זאָל נתרבה ווערען פון די זאַכען כבוד שמים, מיט דעם כח וואָס די זאַכען גיעבען מיר בין איך עובד צו השם יתברך און טוהען מקיים זיין נאָר מצות ומעשים טובים ווער איך דורך דעם אָנגערופען „גראַביאַן".

איין מאָל האָט אייגער מאַן געגעבען דעם ריזינער אַקוויטעל אין האָט געבעטען אַז השם יתברך זאָל איהם העלפען ער זאָל צו ברענגען

זיינע

זיינע שלעכטע מדות, האט איהם דער ריזינער געענטפערט בזה הלשון: מדות ווילסט די צו ברעכען? רוקען און לענדען וועסט דו צו ברעכען און קיין מדות וועסט דו ניט צו ברעכען, נאר דאווין און לערען ערענסט, וועט דאס שלעכטס ממילא אוועק געהן:

ואמונתך בלילות (תהלים צ"ב) האט ער געטייטש אז די אמונה אין השם יתברך קומט צו אמענש דורך די טהרה און רייניע מעשים פון ביי נאכט:

לעושה נפלאות גדולות לבדו (תהילים קל"ו) האט ער געזאגט די וואונדער און די גרויסע נסים וואס השם יתברך טוט מיט אונז טוט ער אליין חאטש מיר בעטען גאר נישט פון איהם:

דער צדיק הר' משה מקאברין זצ"ל איז אמאל געקומען אויף שבת צו דעם ריזינער, איז ער גראדע אריין געקומען צו דעם ריזינער פרייטיג פאר נאכט, און האט זיך אנגעטוהען די בגדי שבת און איז אריין געגאנגען נעמען שלום פון ריזינער. אז ער איז אריין געקומען האט ער געטראפען דעם ריזינער שטעהן און געהאלטען אין די האנד א לולקע און האט זעהר שטארק געריכערט אזוי ווייט אז דאס חדר איז פיעל געווארען מיט רויך. האט איהם דער ריזינער דערציילט א מעשה פון אמענש וואס ער איז פרייטיג פאר נאכט שוין גאר שפעט געבלאנזעט אויף אוועג און האט ניט געקענט טרעפען ווי אזוי ארוים צו קומען פון דעם ארט, גאר פלוצלונג האט ער דער זעהן פון ווייטען א הויז, איז ער דארט אריין געגאנגען האט ער דערזעהן זיצען דארט אגזלן אמערדער און פאר איהם אויף דעם טיש איז געליגען כלי זין אבוקס צו שיסען מיט קוילען. איז ער זעהר דערשראקען געווארען און האט אנגעהויבען צו קלערען ווי אזוי ניצל צו ווערען פון דעם רוצח, זאל ער ארוים לויפען וועט ער איהם געוויס נאך שיסען מיט די ביקס, זאל ער אזוי בלייבען שטעהן איז ער אויך אין אסכנה גדולה, האט ער זיך מיישב געוועען ער זאל חאפען די ביקס און אוים שיסען אין דעם גזלן, ממה נפשך, וועט דער גזלן געהרג'עט ווערען איז דאך גאר גוט, און אויב ניט אפילו, וועט דאך אנקומען דורך דעם שיסען פיעל מיט רייך וועט ער קענען גאנץ גרינג אנטלויפען. און ווי דער ריזינער האט דאס דערציילט האט ער אוועק געשטעלט די לולקע פון די האנד און געזאגט שבת:

אמאל זענען די חסידים געזעסען צוזאמען, איז דער ריזינער אריין געקומען האבען זיי איהם געבעטען, רבנו זאגט אונז א דרך ווי אזוי עובד צו זיין השם יתברך, האט ער זיי געענטפערט בלשון תימא מיט פערוואונדערונג „איך ווייס"? און דערביי דער ציילט אמעשה. עס איז געוועען צוויי גוטע פריינד וואס דער שופט האט זיי ביידע געפסקית מיתה ר"ל און דער מלך חאטש ער האט זיי געוואלט טוהען א טובה, נאר

נאר דאך האט ער זיי ניט געקענט אין גאנצען שענקען דאס לעבען, האט דער מלך ארויס געגעבען אפסק איבער זיי, אז מען זאל איבער לייגען אלאנגען שטריק איבער די ברייט פון א טייך וואסער און זיי זאלען אריבער געהן אויף דעם שטריק וועלען זיי בלייבען לעבען, איז דער ערשטער אדורך בשלום, און דער צווייטער האט געברויכט אויך אדורך געהן האט ער געשריגען צו דעם ערשטען וואס איז שוין גע־שטאנען פון די אנדערע זייט טייך, זאג מיר מיין פריינד ווי אזוי די ביסט אדורך געגאנגען דעם געפעהרליכען וועג איבער דעם שטריק, וועל איך אויך קענען אריבער געהן, האט איהם דער ערשטער געענטפערט איך וויים גאר ניט, נאר ניט מעהר ווען איך בין געגאנגען אויף דעם שטריק אויב איך האב מיך אוים געבויגען אין איין זייט, האב איך מיר גענייגט אויף די צווייטע זייט:

דעם ריזינערס וואהנונג איז געוועזען דער עיקר אין דער שטאדט פאטיק און ער האט דארט געהאט זעהר פיעל און ברייוח'דיגע דירות, ער האט דארט אבגעקויפט די שטאדט מיט דעם שלאס וואס עס איז געוועזען דארט, און ער האט אויך געהאט אגרויסען גוטע צום שפאצירען אויף די פרישע לופט. האט זיך מזרמן געוועזען איין מאל און דער צדיק הר' משה מקאברין זצ"ל איז געקומען אויף שבת, און גראדע דעם שבת האט דער ריזינער ניט געגעסען די סעודה שלישית שבת פאר נאכט, נאר ער איז פאר נאכט געזעסען אין דעם גארטען און דער צדיק מקאברין איז אויך געווען אין גארטען, האט זיך דער ריזינער אנגערופען צו דעם קאברינער צדיק די סעודה שלישית קען מען דאך יוצא זיין מיט פירות האילן, און האט אריין געשטעקט זיינע הענד אין קאברינערס גארטיל אריין, און האט געזאגט צו איהם לאמיר געהן אביסעל שפאצירען אין גארטען און האט זיך אזוי אנגערופען צו איהם ליבער ר' משה דו ביסט דאך אגרויסער למדן, אמת אז על פי דין קען מען יוצא זיין די סעודה שלישית מיט פירות? יעצט האט דער קאברינער צדיק פארשטאנען די כוונה פון ריזינער וואס ער מיינט, די פירות מיינט ער זיינע קינדער די קדושים, וואס די קינדער פון אמענש ווערען אנגערופען פרי בטנו, אז זיי די הייליגע קינדער זיינע וועלען בלייבען אויף זיין ארט. און עס איז שוין געקומען אין צייט נפטר צו ווערען פון דער וועלט, האט דער קאברינער אנ־געהויבען צו שרייען רבינו הקדוש די וועלט דארף אייך נאך האבען, און נאך דעם שבת במשך אין זעקס וואכען ארום, איז דער ריזינער טאקי נסתלק געווארען נבג"מ:

עס האט דער צייטלט דער צדיק מקאברין אז פאר דער פטירה האט זיך דער ריזינער אנגעכאפט ביי איין האר פון די פאה און האט אזוי געזאגט: רבונו של עולם עס איז דאך גלוי וידוע פאר דיר, אז איך

האב

האָב קיין הנאה געהאַט פון די וועלט ווי פיעל די האָר איז ווערט:

נאָך האָט דער קאָברינער דערציילט ווען מען האָט דעם ריזינער געטסיר'ת און האָט געברויכט געבען דרייסיג טויזענד רובעל למלכות, און ער האָט דאָס געלד געהאַט ליגען אין מזומן, האָט ער געהייסען באָרגען אַנדער געלד און האָט ניט געוואָלט געבען דאָס געלד, ער האָט געזאָגט ווייל מען קען ניט לאָזען דעם כלל ישראל איבער געבליבען איין נאַכט אָהן געלד:

אין אַשטאָדט איז געווען אַשוחט אַגרויסער קמצן און אַקאָרגער ניט וויט פון ריזינער. האָט מען דאָס דערציילט פאַר דעם ריזינער אז דער שוחט האָט אין זיך די שלעכטע מדה פון קמצנות כידוע, האָט דער ריזינער אויף דעם אַזוי געענטפערט: מיר געפינען אַז עס ווערט גע- בּרענגט ווען אַמענש ווערט געבוירען אין מזל „מאדים" ווערט דער מענש זיין אַשוחט אָדער אַמוהל, ווייל „מאדים" ווייזט אויף בלוט פון וואָרט „דם" בלוט, אַז דער מענש איז געבוירען מיט די שלעכטע מדה פון אכזריות, און אויב דער מענש נעמט די מדה אין קדושה אַריין, און איז עובד מיט די מדה השם יתברך און טוט מצות און מעשים טובים, אַזוי ווערט די שלעכטע מדה פון דעם מענש אויס געריסען און עס ווערט בלויז גוטס און מלא קדושה, און דאָס איז דער פירוש פון דעם פסוק „וימאן אדום עבור ישראל בגבולו ויט ישראל מעליו", „וימאן אדום" איז דער טייטש אַז מען איז געבוירען אין מזל „מאדים", „נתון עבור ישראל בגבולו" ער לאָזט ניט קיין איד צו זיך אין הויז אַריין ווייל ער איז אַ גרויסער אכזר, האָט ער ניט קיין רחמנות אויף אַ איד, „ויט ישראל מעליו" עהט פון איהם אַוועק די אידישע מדה, וואָס איינס פון די דריי מדות וואָס אַ איד ווערט דער קענט איז „רחמנות", דערבאַרימקייט:

ער דער ריזינער האָט אַמאָל געזאָגט, אַזוי ווי מיר געפינען אין אונזערע היילינע תורה אַזעלכע מצות וואָס זיי האָבען ניט אַ טעם, נאָר זיי זענען אַגעזעץ און אַ חוק, ווי די מצוה פון די פרה אדומה אָדער כלאים ובדומה, און עס געפינט זיך אויך אַזעלכע משפטים וואָס האָבען יאָ אַ טעם, אַזוי אויך איז פאַרהאַנען אַזעלכע צדיקים וואָס זיי זענען אויך בלי טעם און מען קען זיי גאָר ניט משיג זיין מיט אונזער שכל, ווייל זייער התנהגות איז בלויז חוקה, און אויך איז דאָ אַזעלכע צדיקים וואָס זיי זענען יאָ פאַרשטאַנדיג און מיר קענען זייער התנהגות משיג זיין מיט אונזער שכל, זיי זענען עוסק אין תורה ועבודה און מקיים די מצות, דאָס איז דער פירוש פון דעם פסוק „ומי גוי גדול אשר לו חוקים ומשפטים צדיקים" איז אַזוי גלייך דער פשט ווי עס וואָלט געשטאַנען אין פסוק „ומי גוי גדול אשר לו צדיקים חוקים ומשפטים" ווי איז נאָך אַזאַ גרויס פאָלק ווי די אידען זענען, וואָס זיי האָבען צדיקים פאַרשיעדענע אַזעלכע וואָס זיי זענען גלייך ווי אַחוק אָהן אַטעם און דער שכל איז זיי ניט

משיג

משיח, און אויך אַזעלכע צדיקים וואָס זייער התנהגות איז יאָ צו פאַר־שטעהן און זיי זענען גלייך צו משפטים וואָס האָבען אַ טעם:

ער האָט געזאָגט אַז פון דעם טאָג וואָס דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז נאָך ניט געווען אַתפילה אַמענש זאָל מתפלל זיין זי זאָל זיין אַתפילה זכה וברה, עס זאָל זיין אַריינע תפלה צו השם יתברך אהן שום פני' און הרהור פון מענש זייט, חאָטש עס איז געווען גרויסע צדיקים זיי האָבען גערעכענט אַז זיי האָבען מתפלל געווען בכוונה גדולה, האָבען זיי ניט געוואוסט וואָס מען מיינט אַתפלה זכה וברה:

אם כסף תלוה את העני עמך (שמות) האָט ער געזאָגט „כסף" איז דער פשט גלוסטען אַזוי ווי עס שטייט „תכסוף נפשי" מיין לייב טוט גלוסטען, „תלוה" איז דער פירוש באַהעפטען, אויב די גיסט צדקה דעם אָרעמאַן זאָלסט דו גלוסטען צו באַהעפטען און מחבר זיין זיך מיט דעם אָרימאַן „עמך" וועט די מצוה פון די צדקה זיין מיט דיר, און השם יתברך וועט דיר אָפּ געבען כפל כפלים, „לא תהי' לו כנושה" אָבער ניט איהם צו מאָנען און זיך האַלטען גרויס איבער דעם:

יוחן רשע בל למד צדק (ישעי') האָט ער געזאָגט מיט די זאַך קען מען נאָך מלמד זכות זיין אויף דעם רשע, אַז ער האָט ניט גילערנט די תורה אָבער ניט אויף אַרשע וואָס ער לערנט די תורה און איז ניט מקיים וואָס ער לערנט, איז דער רשע ערגער פון דעם וואָס ער לערנט גאָר ניט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבען „ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חוקי" צו דעם רשע זאָגט גאָט נאָך וואָס האָסטו צו לערנען מיינע געזעצען פון די תורה:

דער צדיק הר' יוסלי מראדוויל זצ"ל האָט געהערט אַמאָל דעם ריזינער זאָגען אַזוי, די לעצטע דריי שעה איידער מיר וועלען אויס געלייזט ווערען פון דעם גלות, וועט זעהר שווער זיין צו האַלטען זיך ביי אידישקייט, אַזוי ווי איינער שטייט ביי אַגלייכע אייזערנע וואַנט און ברויך אַרויף קריכען און האָט קיין נעגעל ניט, און דאָס איז דער פשט וואָס מיר זאָגען אין די הושענות „הושענא שלוש שעות הושיעה נא" העלף אונז רבונו של עולם אין די דריי שעה ווען עס וועט זעהר שווער זיין צו בלייבען ביי דעם אידישקייט:

(די דריי שעה ווערען גערעכענט לויט דעם חשבון פון הקב"ה אַז טויזענד יאָהר זענען ביי איהם נאָר איין טאָג):

דער ריזינער איז אַמאָל געווען שבת אין דער שטאָדט לעמבערג, ווי דער גרויסער גאון הר' יעקב אורינשטיין ז"ל איז געווען דאַמאָלס דאָרטען רב, האָבען זיך זעהר פיעל מענשען זיך איינגעזאַמעלט צו דעם ריזינער אויף שבת, און בתוכם איז אויך געווען איינער אַגרויסער גאון, וואָס ער איז געווען אחבר און זעהר היימיש מיט דעם גאון דער אָרטיגען רב, איז ער אויך אַרויף געגאַנגען צו דעם רב זעהן זיך

מיט

מיט איהם, האָט איהם דער רב געפרעגט, צו דער ריזינער וואָס ער איז אַזוי מרעיש די גאַנצע וועלט און יעדער רופט איהם רבי, איז עפּעס אַ למדן אויך, האָט איהם דער חבר גאָר ניט געענטפערט אויף דעם, און יענעם שבת וואָס דער ריזינער איז געווען אין לעמבערג איז ער ניט געזעסען ביי שלש סעודות שבת פאַר נאַכט צו זאַמען מיט דעם עולם, נאָר ווי זיין שטייגער איז געווען תמיד ער באַזונדער און די מענשען אויך באַזונדער. און דאָרטען דעם שבת, האָט ער זיך צו געאײַלט ביי שלש סעודה נאָך פריער פאַר זיינע מענשען און פאַר רויבערט די לולקע זיינע אין אונז אַרײַנגעקומען דאָרטען ווי זיי זענען נאָך געזעסען ביי דעם שלש סעודה, און האָט געפרעגט דעם גאון וואָס איז אויך געזעסען דאָרטען, איהר זייט געווען ביי דעם היגען רב הר׳ יעקב אורינשטיין, וואָס זאָגט דער רב אויף מיר, אַז איך האָב גאָר ניט קיין ידיעה אין לערנען, און האָט זיך אַזוי אָנגערופען צו איהם, איהר זייט דאָך אַ גאון וועל איך מיט אייך ריידען אין „חכמת התכונה״ דאָס איז דער חשבון ווי אַזוי די זון און די לבנה מיט די שטערען און אַלע מזלות געהען אין דעם ראָד פון די וועלט, און ער האָט מיט איהם גערעדט פון די זאַכען און האָט אַרויס געוויזען זיינע ידיעות און בקיאות אין די חכמה מעהר פון די אַלע פאַרצייטיגע גרעסטע חוקרים און מקובלים וואָס זיי ריידען אין זייערע ספרים פון די דאָזיגע חכמה, אַזוי וויים אַז דער גאון האָט שוין זיין מות ניט געקענט פאַרנעמען דאָס עמקות און טיעפקייט פון דעם ענין:

נאָך דעם איז דער גאון ווידער אַרויף געגאַנגען צו דעם רב און האָט דעם רב דערציילט די גאַנצע מעשה אַז דער ריזינער האָט אַ ידיעה אין די „חכמת התכונה״ אַז עס איז גאָר זיין גלייכען ניטאָ. אַז דער רב האָט אַזוי געהערט האָט ער געזאָגט, יעצט בּרויך איך בעטען דעם ריזינער צו מיר אין הויז און איהם מכבד צו זיין בכבוד הראוי לו, און האָט אַזוי געטוהען. אַז דער ריזינער איז שוין געווען ביי דעם רב, האָט דער געהייסען געבען כיבוד אַזוי ווי פאַר אַגרויסען מאַן, און מען האָט דער לאַנגט דעם ריזינער צום טיש אַלע מינים שפּייזען וואָס עס איז נאָר פאַרהאַן און נאָך אַזעלכע שטייגער זאַכען, און די כוונה פון דעם רב איז געווען אַז אַזוי אַרום וועט ער פּריבען אין זעהן אויב דער ריזינער איז אַ בקי אין די דינים פון „ברכות הנהנין״, ווייל ביי די שפּייזוואַרג זענען פאַרהאַן זעהר פיעל דינים אַ וואָסערע ברכות מען בּרויך מאַכען ביי יעדעם בעזונדער מין, און די רבנית דעם רב׳ס פרוי איז געווען די דערלאַנגערין צום טיש, האָט זיך דער ריזינער אָנגערופען צו דעם רב, מיר געפעלט ניט וואָס איהר זייט משתמש מיט אַ אשה, און ער האָט ניט טועם געווען פון די אַלע שפּייזען גאָר ניט, ווייל ער האָט געזאָגט אַז ער עסט ניט קיין שפּייז-וואַרג, נאָר מען האָט איהם אָנגעגאָסען איין כום ווין און האָט עפּעס אָבגעטרינקען און די רעשט איז

געבליבע

געבליבען שטעהן אויף דעם טיש, און בתוך כך זענען אנגעקומען זעהר אגרויסער עולם צו דעם ריזינער בײַ דעם רב אין הויז, און עס איז גע־ווארען אגרוים ענגשאפט, איז אנגעקומען א פאליצײַ, און דעם רב׳ס אזוהן איז געווארען א ביסעל דער שראקען האט ער פערגעסען און האט מכבד געוועזן דעם פאליצײַ א גוי מיט די שירים וואס דער ריזינער האט איבער געלאזט, איז ער זעהר געווארען אין די הקפדה און האט זיך אנגערופען צו איהם, דו האסט ניט געהאט קײַן אנדערען כוס ווײַן נאר דעם וואס איך האב איבער איהם א ברכה געמאכט? און דער זעלבער זוהן דעם רב׳ס האט ניט מוצא שנתו געוועזן און איז אין דעם יאהר נפטר געווארען, ד׳ יצילינו משגיאות:

דער חסיד ר׳ יודל לאנדא וואס איז געוועזן א איש נאמן בײַ דעם ריזינער אין הויז, האט דערציילט, אמאל איז ער געגאנגען שפ צירען מיט דעם ריזינער, אין דעם גארטען, האט זיך דער ריזינער צו איהם אנגערופען, דו ביסט דאך דעם פראגער רב׳ס א אייניקעל דער הגאון הר׳ יחזקאל לאנדא ז״ל, זאלסטו וויסען אז דער צדיק מאפטא דער בעל מחבר פון ספר „אוהב ישראל״, האט מיר דערציילט אז ער האט געהערט פון צדיק הר׳ מיכלי זלאטשיבער זצ״ל אז ווען דער פראגער רב דער בעל המחבר פון דעם בעוואוסטען ספר „נודע ביהודה״ האט זעהר גערודפ׳ט דעם צדיק ר׳ מיכלי זלאטשיבער האט זיך דער צדיק אנגערופען פאר וואס זאל איך דעם פראגער רב זײַן א שונא אז מן השמים הייסט מען איהם מיך רודפ׳ן, ווײַל אין די צײַט ווען דער בעש״ט הקדוש האט געברויכט אראפצו־קומען אויף די וועלט איז געוועזן אין הימעל א גרויסער קיטרוג, ווײַל דער בעש״ט וועט מקרב זײַן די גאולה און די וועלט איז נאך ניט געוועזן ראוי עס זאל שוין זײַן די גאולה שלימה, און די מליצים פון הימעל האבען געזאגט אז דער בעש״ט זאל יא באשאפען ווערען, איז געבליבען אז מיט דעם בעש״ט זאל אויך באשאפען ווערען אויף די וועלט, נאך א גרויסער מאן און א גדול הדור וואס ער זאל זײַן א מתנגד געגען דעם דרך פון בעש״ט און זײַנע תלמידים, אנן דאס איז דער פראגער רב הר׳ חזקאל לאנדא זצ״ל, און ווען ניט דאס, וואלט ניט מעגליך געוועזן, דאס דער בעש״ט זאל אראבקומען אויף די וועלט, נאר ער האט געמוזט אראבקומען גלײַך מיט דעם פראגער רב:

אין דער שטאדט יאס האט זיך געמאכט אמאל אנ׳ענין וועגען שטאדט־זאכען אז מען האט געברויכט צו דעם ענין, אוים צו גלייבען א איש מפורסם און א גדול הדור וואס זײַנע רייד זאלען געהערט ווערען בײַ יעדען, איז געבליבען בײַ זיי דאס זיי זאלען שיקען נאך דעם צדיק הר׳ אברהם דוד מבאטשאטש זצ״ל דער בעל המחבר פון דעם ספר „דעת קדושים״ וואס ער איז געוועזן דאמאלט אמפורסם פאר א גדול

און

און א איש קדוש, האבען זיי אויס געקליבען שילוחים און פארשטעהר פון אלע קלאסען מענשען פון בעלי הבתים הנכבדים און פון עשירים, און אויך א יונגער מאן א חסיד, און זיי זענען געפאהרען קיין באטשאטש און האבען פארגעלייגט פאר דעם צדיק ער זאל מיט זיי פאהרען קיין יאס וועגען דעם ענין, איז דער צדיק מרוצה געווארען, און האט געהייסען די מענשען זיינע צו גרייטען אלעס און איינפאקען אין וועג אריין, דער ווייל איז דער יונגער מאן דער חסיד געווארען זעהר בשמחה און האט זיך אנגערופען, אז דער רבי וועט מאכען ביי זיי אין שטאדט פיעל געלד, און דער רבי איז גראדע געזעסען אין דעם צווייטען צימער, און האט דאס געהערט, האט ער תיכף געעפענט די טיר און געזאגט די מענשען זיינע זאלען ניט פאקען, ווארום ער וועט ניט פאהרען. אז די שילוחים האבען דאס דערהערט האבען זיי אנגעהויבען איהם זעהר צו בעטען און איהם געפרעגט פאר וואס ער האט חוזר געוועזען פון זיינע רייד וואס ער האט שוין געהאט צו געזאגט מיט צו פאהרען, האט דער צדיק זיי געענטפערט אמת טאקי איך האב גערעכענט צו פאהרען מיט אייך, נאר אז איך האב געהערט פון דעם חסיד אז איך וועל קריגען אסך געלד ביי אייך פאר דעם וועג, האב איך שוין אמחשבה פון געלד, אז איך פאהר נאר צו ליעב געלד, איבר דעם האב איך חוזר געוועזען און וויל ניט שוין מעהר פאהרען, אין אייערע רייד וואס איהר בעט מיך זענען בחנם ווייל איהר וועט ניט פועל'ען ביי מיר גאר ניט, איך וועל בשום אופן ניט פאהרען, נאר איך וועל אייך זאגען און געבען אייך א עצה טובה, איהר זאלט פאהרען צו דעם ריזינער, ער וועט מיט אייך געווים מיט פאהרען אפילו איהר וועט איהם זאגען בפירוש אז ער וועט נעמען געלד פאר דעם, ווייל ער איז א קדוש וואס קיין געלד האט ביי איהם גאר ניט קיין שום ווערט און קען ניט קיין רושם מאכען ביי איהם ער זאל האבען אפני' אין זיין מחשבה וועגען געלד:

די מענשען זענען צוריק אהיים געפאהרען קיין יאס און האבען דערציילט דאס אלעס וואס זיי האט געטראפען און אויך די עצה וואס ער האט זיי געגעבען, האבען די שטאדט לייט מסכים געוועזען מען זאל שיקען נאך דעם ריזינער, און דער ריזינער איז טאקי געקומען און די שטאדט-לייט האבען איהם אנגעטוהען גרויס כבוד, און מען האט איהם געגעבען מתנות און פיעל געלד, טאג טעגליך איז געקומען אנדערע מענשען און געברענגט מתנות מיט געלד. אז דער ריזינער איז שוין אהיים געפאהרען איז מיט איהם אינאיינעם איינגעזעסען אין די קאטש צו בעגלייטען איינער פון דער שטאדט יאס אגרויסער נכבד און אלמדן פון די שענסטע מענשען פון יאס, מיט דעם נאמען ר' מיכל דיין, האט זיך דער ר' מיכל אנגערופען צו דעם ריזינער, דער רבי האט געוויס פיעל געלד געמאכט, האט דער ריזינער איהם געענטפערט טרעפט איהר

וויפיעל

ווי פיעל געלד, האט ער געענטפערט איך רעכין א ערך פון פינעפהונדערט גולדען, האט זיך דער ריזינער צו איהם אנגערופען די סומע הייסט שוין ביי אייך אויך געלד פאר וואר דאס גאנצע געלד פון די וועלט איז דאך מיינס, און האט דערציילט דאבי' אמעשה. עס איז געוועזען אמאל אבעטלער וואס האט זעהר מצליח געוועזען אין זיין עסק און איז געווארען אגרויסער עושר, האט ער געוואלט מזכה זיין זיינע קינדער זאלען אויך זיין בעטלערס אזוי ווי ער, האט ער געהייסען די אקושערקע ווען זי וועט אבנעמען אקינד ביי זיין ווייב, און אויב דאס וועט זיין אזוהן זאל זי באלד מאכען אין דעם א מום, בלינד אדער שטום און לאם, כדי ער זאל ראוי זיין צו ווערען אבעטלער, וויל אקאליקע איז ניט פעהיג צו קיין אנדערע זאך ווי צו בעטלען. איין מאל איז געבוירען אזוהן זעהר אשיינער, איז געוועזען אשאד צו מאכען איהם פאר אקאליקע, האט זיך די מוטער אנגערופען צו דעם פאטער, עס איז מיר אשאד צו מאכען איהם פאר א קאליקע, זאל ער אזוי בלייבען וועלען מיר האבען איין זוהן אהן א מום, איז דער פאטער אויך מרוצה געווארען און דער זוהן איז געבליבען גאנץ. ווען עס איז געקומען די צייט דער בעטלער האט געברויכט שטארבען האט ער צו גערופען אלע קינדער און האט געהייסען אוועק געבען זיין גאנץ פארמעגען צו דעם גאנצען זוהן, האבען די איבריגע קינדער אנגעהויבען צו שרייען פאטער פאר וואס הייסט דו טוהען פאר-קערט, אויף אונז קאליקעס איז דאך מעהר רחמנות ווי אויף דעם גאנצען ברודער, אונז זענען דאך ניט פעהיג צו קיין מלאכה, און ער קען געהן ארבייטען, האט זיי דער פאטער געענטפערט, לא כן הוא, עס איז ניט אזוי, איהר זייט דאך קאליקעס קענט איהר זיין בעטלערס וויל אויף אייך וועלען מענשען רחמנות האבען, אבער ער דער גאנצער זוהן איז ניט ראוי צו זיין אבעטלער קומט איהם טאקי דאס גאנצע פארמעגען. און ווי דער ריזינער האט דאס אבדערציילט, האט ער נאך געזאגט און איך בין דאך דאס קינד וואס האט ניט קיין מום דורך דעם איז דאס גאנצע געלד און פארמעגען פון די וועלט קומט נאר מיר, והבן:

קדש לי כל בכור פטר כל רחם (שמות י"ג) האט ער געזאגט „קדש" אויב די ווילסט זיין הייליג „כל בכור" זאל יעדער איד זיין ביי דיר עלטער און גרעסער פון דיר, און די זאלסט דיך האלטען פאר יעדען איד נידרי-גער און קלענער, „פטר כל" פטר איז דער טייטש דער אנהייב, דער אנ-הייב פון אלעס אז די ווילסט עובד זיין השם יתברך איז „רחם" רחמנות צו האבען אויף יעדען איד:

ער האט געזאגט דרייערליי קלאסען איז פארהאן ביי די מענשען וואס פאהרען צו אצדיק, דאס איז אקעגען די דריי מדריגות מענשען וואס עס איז געוועזען אין די צייט פון „ירבעם בן נבט" וואס ער האט געמאכט „עגלי זהב" גאלדענע קעלבער פאר אגעטער און האט גע-

שטעלט

שטעלט שומרים אויף די וועגען זיי זאָלען ניט לאָזען די אידען „עולה רגל" זיין קיין ירושלים, איין טייל אידען איז געוועזען וואָס זיי האָבען זיך מוסר נפש געוועזען און זענען געגאנגען קיין ירושלים און האָבען מלחמת געהאלטען מיט די שומרים, און אַ צווייטע טייל אידען האָבען ניט געוואָלט זיך מוסר נפש זיין געהן קיין ירושלים און האָבען אויך ניט געוואָלט דינען צו די גאָלדענע קעלבער, די דריטע טייל אידען וואָס זיי האָבען געפאָלגט צו די עצה פון „ירבעם בן נבט" און האָבען געדינט צו די גאָלדענע קעלבער. און די דריי מדריגות זענען מגולגל געוואָרען און געקומען אויף דעם עולם דער עולם התיקון. די דאָזיגע וואָס האָבען זיך מוסר נפש געוועזען צו געהן קיין ירושלים זענען היינט זוכה זיי פאָהרען צו דעם אמת'ן צדיק מתוך הרחבה, די דאָזיגע פון די צווייטע מדריגה פאָהרען צו דעם צדיק מיט עגמת נפש און מיט צער, און די דריטע קלאַס מענשען האָבען גאָר קיין זכי' צו בעהעפטען זיך אין דעם אמת'ן צדיק:

ער האָט געזאָגט אַז די מענשען וואָס האָבען זוכה געוועזען אין איהם זיך מתדבק צו זיין ווערען איינגעטיילט אין דרייען. איינטייל זענען זוכה אין מיר זיך צו באהעפטען דורך תורה און תפלה, און די צווייטע דורך דעם וואָס זיי געבען מיר געלד, און די דריטע דורך דעם וואָס זיי וואַלגערין זיך ביי מיר, אַזוי ווי ביי אַמצה כל זמן מען ווּעלגערט זי מעג דויערען ווי לאַנג ווערט זי ניט קיין חמץ:

ויצעק משה אל ה' לאמר אל נא רפא נא לה (במדבר י"ב י"ג) פרעגט רש"י הקדוש „מה לאמר" וואָס שטייט עפּעס לאמר עס וואָלט דאָך גענוג געוועזען עס זאָל נאָר שטעהן ויצעק משה אל ה' אל נא רפא נא לה, אבער „לאמר" איז דאָך דער פשט אַז דער וואָס מען רעדט צו איהם זאָל אויך זאָגען ווי אַזוי איז דאָ דער טייטש „לאמר" ? ענטפערט רש"י אַזוי: „אמר לו השיבני אם אתה מרפא אותה אם לאו" משה רבינו האָט געבעטען, דער אייבערשטער זאָל היילען זיין שוועסטער „מרים" פון די צרעת, האָט ער געזאָגט „לאמר" אַז גאָט זאָל איהם באלד ענטפערען צו ער וועט היילען זי און אויב ניט. האָט דער ריזינער געפרעגט אויף דעם אַמעהר די גמרא זאָגט דאָך אין מסכת (ברכות פ' ת"ה) „אמרו עליו על חנינא בן דוסא כשהי' מתפלל על החולים הי' יודע אם חי אם מת וכו' אם תפלתי שגורה בפי יודע אני שהוא חי וכו'" מען פלעגט זאָגען אויף דעם תנא חנינא בן דוסא ווען ער האָט מתפלל געוועזען אויף אַ חולה האָט ער באלד געוויסט צו ער וועט לעבען צו ניט, ווען ער האָט געשפּירט ביי זיך אַז ער האָט מתפלל געוועזען אָן עיכוב נאָר די תפלה איז ביי איהם געלאָפען גלייך פון זיין מויל האָט ער געוויסט אַז דער חולה וועט געהיילט ווערען, איז דאָך די קשיא צו וואָס האָט משה רבינו געבעטען אַז גאָט זאָל איהם ענטפערן צו זי וועט געהיילט ווערען ער האָט געקענט וויסען

ביי

בײַ זיך צו די תפלה איז נעגאַנגען בײַ איהם גלײַך פֿון מויל צו ניט? האָט דער ריזינער געענטפֿערט ווײַל רש״י הקדוש זאָגט אַז משה רבינו האָט ניט מאריך געווען בײַ די תפלה ווײַל „מרום״ איז דאָך געווען משה רבינו׳ס אַשוועסטער האָט ער געוואָלט זי זאָל באַלד געהאָלפֿען ווערען, און איבער דעם האָט משה ניט געקענט וויסען פֿון די תפלה זײַנע ווײַל ער האָט דאָך מתפלל געווען נאָר אַתפלה קצרה. און דאָס איז דער פשט פֿון דעם פסוק (ישעיה) „בורא ניב שפתים שלום לרחוק ולקרוב אמר ה׳ ורפאתיו״ „בורא ניב שפתים״ צו דערקענען פֿון די לעפּצען וואָס זענען מתפלל צו עס וועט זײַן „שלום״, דאָס איז נאָר מעגליך „לרחוק״ בײַ אַפֿרעמדען אַז מען איז מתפלל פֿאַר אַפֿרעמדען מענש מעג מען דאָך מאריך זײַן בתפלה קען מען וויסען צו דער וועט געהאָלפֿען ווערען, אָבער „ולקרוב״ אַז מען איז מתפלל פֿאַר אַקרוב וועגען קען מען דאָך ניט מאריך זײַן בהתפלה נאָר מען איז מתפלל אַתפלה קצרה קען מען שוין ניט וויסען פֿון דער תפלה אַזוי ווי בײַ משה רבינו ווען ער האָט מתפלל געווען פֿאַר זײַן שוועסטער „מרים״ וועגען, „אמר ה׳ ורפאתיו״ בײַ דעם ענטפֿערט גאָט אַז ער וועט היילען ור״ל:

דער ר . ז י נ ע ר האָט אַמאָל געלויבט זײַנעם אַגוטען פֿרײַנד וואָס ער איז שוין נפטר געוואָרען אַז דער האָט איהם אַטובה געטוהען אויף דעם עולם העליון. וואָרום ווען מען האָט דעם ריזינער געמסיר׳ת און ער איז געזעסען אין תפיסה אין קיוב, האָט מען איהם נאָך די סלעסטווע וואָס מען האָט חוקר ודורש געווען געוואָלט בעפֿרײַען. האָט זיך דער נובערנאַטער ביביקאָוו אַרוים געשטעלט און האָט געזאָגט חאָטש ער איז אומשולדיג, פֿון דעסוועגען ברויך מען אָבער וויסען אַז דער ריזינער איז זעהר גרויס און אָנגענומען בײַ די אידען פֿאַר אַגעטליכען מאַן, דאַרף מען מורא האָבען אַז די אידען זאָלען ניט אַמאָל זאָגען אויף איהם אַז ער איז משיח און איהם קרײַנען פֿאַר אַ אידישען מלך, האָט דער גובער־נאַטער פֿאָרגעלייגט מען זאָל דעם ריזינער פֿאַר שיקען אין אַ ווײַט לאַנד אַרײַן, און צו איהם ניט צו לאָזען קיין מענשען מעהר ווי אַמנין וואָס ער ברויך האָבען צום דאַוונען, האָט דער ריזינער דערצײַלט אַז אין הימעל האָט מען אויך געוואָלט מסכים זײַן אויף די גזירה, און מען האָט גוזר געווען ווער עס וועט פֿון דעם מודיע זײַן דעם ריזינער זאָל מען איהם געבען זעכטציג שמיץ מיט פֿײַערדיגע ריטער. האָט זיך אײַנער אָנגערופֿען מיט דעם נאָמען ר׳ ל י ב ל י ט וו אַ ק וואָס ער איז געווען בײַ זײַן לעבען זעהר אַגרויסער מקורב און גוטער פֿרײַנד בײַ דעם ריזינער, איך וויל קריגען די שמיץ און וועל מודיע זײַן דעם ריזינער פֿון די גזירה. אַז דער איז געקומען צום ריזינער אין איהם דאָס דערצײַלט, האָט דער ריזינער זיך אָנגערופֿען צו איהם געה צוריק און זאָג אויבען אין הימעל פֿאַר מײַנעט וועגען אַז נישט ווי זיי ווילען וויל איך, איך וויל ניט די

גזרה

גזירה, און דער ריזינער האט מסיים געווען בײַ דעם, זעהט נאר דאס גרויסע גוטע פריינדשאפט פון דעם חסיד אז אפילו אויף יענער וועלט האט ער אויך מסירת הנפש פאר זיין רבי'ן:

דער צדיק הר"י מבינדער האט דערציילט אז ער האט געהערט פון ריזינער, ער האט געשטראפט איינעם פאר וואס ער פאסט תעניתים, האט ער צו איהם אזוי געזאגט: אויב די קענסט פאסטען אזוי ווי דער צדיק דער בעל המחבר פון דעם ספר „שיח שפונים" מעגסטו פאסטען, און ער האט דערציילט פון דעם צדיק הנ"ל אז ער פלעגט פאסטען תמיד משבת לשבת, און פרייטיג צונאכטס נאך דעם דאווענען קבלת שבת האט ער קידוש געמאכט איבער אגרויסען כוס ווין וואס מען טרינקט אין דעם ביער, און האט פארביסען אגרויסען פוטער קובען און האט נאך געטרינקען נאך אזא כוס ווין און האט געמאכט א ברכה אחרונה, און נאך דעם האט ער געטרינקען אזא כוס מיט ריינעם שפירט און האט זיך געוואשען צו די סעודה של שבת. האט מען איהם דער לאנגט י"ב חלות מיט צוועלף שטיקער פיש האט ער געגעסען און האט נאך געטרינקען ווייטער אבוס שפירט און מיט אטשיינעק טהע, דער נאך האט מען איהם דערלאנגט אגרויסע שיסעל מיט יוך, און האט נאך געטרינקען ווין און דער נאך פלייש זעהר פיעל מיט ווין, און ווייטער געבראטען פלייש און מיט פירעלײַ שפייזעס, און נאך געטרינקען פיעל ווין האט ער געבענשט, און זיך געלייגט שלאפען, און ווען עס איז שוין געווען חצות האט מען איהם מן השמים אויף געוועקט ער זאל שוין אויף שטעהן, ער איז אבער זעהר מיעד געווען פון די פיעל תעניתים און מיט דעם עסען און פיעל טרינקען, האט ער זיך געבעטען מען זאל זיך אין הימעל באגעהן אהן איהם, האט מען איהם געענטפערט פון הימעל אז מען מוז איהם האבען, האט ער זיך אויף געהויבען, און האט געטוהען וואס ער האט געברויכט, און דער נאך האט ער געטרינקען אבוס שפירט און איז ווייטער זיך געלייגט שלאפען, אזוי האט דער ריזינער אום געפיהרט אויב דו קענסט פאסטען מעגסטו פאסטען:

דער צדיק ממאגעלניץ פלעגט אפט פאהרען צו דעם ריזינער, איין מאל איז ער געקומען אויף שבת פרשת קרח, דער ריזינער האט דאמאלס געוואוינט אין סאדיגאריע, און דאס איז דאך ידוע אז דער ריזינער איז בײַ די סעודה שלישית פון שבת פאר נאכט ניט געזעסען אין איינעם מיט דעם עולם, נאר גאר אליין אין אבעזונדער צימער, און קיין שום מענש איז דארט ניט אריין געקומען, איז דער מאגילניצער צדיק געזעסען בײַ זיך אויף די אכסניא בײַ דעם שלש סעודות און אגרויסער עולם איז געווען בײַ איהם, האט דער מאגילניצער געזאגט אזוי: אין די היינטיגע סדרה ווערט געזאגט אז די נשיאים האבען געברענגט זייערע שטעקענס, און אהרן הכהן'ס שטעקען האט מען צריין געלייגט צווישען זייערע שטעקענס

שטעקענס, אז די נשיאים זענען געגאנגען נעמען זייערע שטעקענס האָט מען געזעהן ווי אהרן הכהן'ס שטעקען בליהט אַבלום, איז דאָס געווען אַ סימן און אַ צייכען אַז הקב"ה האָט אויס דערוויילט פאַר אַכהן גדול נאָר אהרן הכהן וועלען די אידען מעהר ניט ווידער שפּעניגען קעגען איהם, האָט דער מאגילניצער געפּרעגט צו וואָס האָבען די נשיאים געברויכט ברענגען זייערע שטעקענס, עס וואָלט גענוג געווען ווען מען האָט געזעהן אַז אהרן הכהן'ס שטעקען בליהט אַבלום איז דאָך שוין אַסימן אַז ער איז אויס דערוויילט, און נאָך וואָס האָט מען געברויכט ברענגען די נשיאים'ס שטעקענס, און נאָך וואָס דער ציילט אונז די תורה דאָס, נאָר דער תירוץ איז אַזוי די תורה ווייזט אונז דאָס פרומקייט און ערליכקייט פֿון די נשיאים זיי האָבען דורך דעם געבּרענגט זייערע שטעקענס כדי אַזוי אַרום מער מפרסם זיין די זאַך און ווייזען אַלע אַז זייערע שטעקענס האָבען ניט געבליהט איז דער סימן אז גאָט האָט אין זיי ניט אויס דערוויילט, זענען זיי אַרום געגאנגען צו יעדען און דאָס דערציילט אַז זיי זענען ניט אויס געוויילט געוואָרען נאָר אהרן הכהן אַליין, ווייל די נשיאים האָבען געוואָלט נאָר דעם אמת, און דער מאָגילניצער האָט מסיים געווען און האָט זיך אָנגערופען צו דעם עולם מיט די ווערטער, זעהט וואָס מען מיינט אמת און ערליך, ביי דעם האָט דער גאַנצער עולם שוין פאַר שטאַנען וואָס דער מאָגילניצער מיינט מיט דעם, און זאָגט דאָס קעגען זיך מיט דעם ריזינער אַז ער איז קעגען ריזינער ווי גאָר ניט:

ער האָט דער ציילט פֿון דעם גרויסען בעוואוסטען צדיק הר' **לוי יצחק מבארדיטשוב** זצ"ל אַז ער האָט געזאָגט אַמאָל רבונו של עולם אויב די ווילסט פאַר געבען די זינד פֿון דיין פאָלק ישראל איז הרי טוב, און אויב ניט, זאָג איך אויס אַז די גמרא זאָגט (ברכות ו' ע"א) „תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו, ומי כעמך ישראל" אין די תפילין פֿון הקדוש ברוך הוא שטייט געשריבען ווי איז נאָך אַזאַ גוט פאָלק ווי דיין פאָלק ישראל. היינט אַז דו ווילסט זיי ניט פאַר געבען געהסטו דו דאָך אין פסול'ע תפילין אַזוי האָט געזאָגט דער בערדיטשובער. אויף דעם האָט דער ריזינער געזאָגט, אַז דאָס איז די כוונה פֿון די גמרא (סנהדרין מ"ו ע"א) „בזמן שאדם מצטער שכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי" ווען דער מענש האָט צער אַז עס קומט אויף איהם יסורים דאַמאָלס זאָגט די שכינה הקדושה אוי מיין קאָפּ אוי מיין האַנד, וואָרום אַז אַמענש האָט יסורים איז ווייל ער ווערט געשטראָפט פאַר זיינע זינד, וואָרום יסורים אָהן זינד זענען ניט פאַרהאַן, דורך דעם זאָגט די שכינה אוי דער קאָפּ אוי די האַנד, ווייל דאָך די זינד ווערען די תפילין פֿון הקב"ה פסול ווי אויבען איז געשריבען. אין דאָס איז אויך דער פשט וואָס מיר זאָגען אין די סליחות „עשה למען פארך" טוהע אונז צו ליעב דיין קרוין דאָס מיינט מען די תפילין פֿון הקדוש ברוך הוא ווייל מיר געפינען

געפּינען אַז דאָס וואָרט „פּאַר" קרוין איז דער טײַטש תפילין אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יחזקאל) „פארך חבוש עליך" דײַנע תפילין געהסטו אָנגעטוהען:

ווען עס איז אַמאָל געווען אַ עת צרה ר"ל בײַ אידען האָט דער הײליגער צדיק הר' יהושיע העשיל מאפטא זצ"ל דער זקן הדור גוזר געווען אַתענית בכל תפוצות ישראל זאָלען פאַסטען בה"ב כסדר מאָנטאָג דאָנערשטאָג און מאָנטאָג אפילו שוואַכע מענשען זאָלען זיך אויך ניט מקיל זײַן, אין די זעלבע צײַט האָט דער ריזינער בײַ זיך געהאַט אַ כאָר פון מוזיק צו שפּילען פאַר איהם שטענדיג אַז ער האָט דער הערט פון די גזירה וואָס דאָס דער אַפּטער האָט גוזר תענית געווען האָט ער גע־רופען דעם כאָר און געהײסען זײַ זאָלען שפּיעלען פאַר איהם מיט אַלע כלי זמר וואָס זײַ האָבען, אַז מען האָט דאָס דערצײלט פאַר דעם אַפּטער צדיק האָט מען געמײנט אַז ער וועט זעהר מתרעם זײַן אויף דעם ריזינער וואָס ער האָט מהפך געווען מאבל ליום טוב, צום סוף האָט זיך דער אַפּטער אָנגערופען בזה הלשון: מיר קענען ניט זיך גלײַכען צו דעם ריזינער, ווײַל ער געהט מיט דעם דרך ווי עס שטייט געשריבען אין די תורה „וכי תבואו למלחמה על הצר הצורר אתכם והקעתם בחצוצרות ונזכרתם לפני ה' אלהיכם ונושעתם מאויבכם" (במדבר י' ט') אַז ווען איהר וועט גערן מלחמה האַלטען מיט אײַערע בעצווינגערס וואָס זײַ בעצווינגען אײַך זאָלט איהר שפּיעלען מיט טראָמפּײטערס וועט גאָט אײַך גערענקען און אײַך העלפען פון אײַערע פײַנד, און דער ריזינערס כוונה איז אויך געווען דאָס זעלבע נאָר מיר קענען איהם ניט נאָך טוהען אָדער גלײַכען זיך צו איהם:

אַמאָל האָט זיך אײנער פאַר קלאָגט פאַר דעם ריזינער אַז ער איז אַגרויסער בעל יסורים און די יסורים זענען איהם „מעביר על דעת קונו" און זענען איהם מבטל פון תורה און תפלה ער קען ניט דאַווענען און לערנען דורך די גרויסע יסורים, האָט איהם דער ריזינער גענענט־פערט פון וואַנית ווײסטו וועלכעס עס איז געליעבט מעהר פאַר השם יתברך צו די תורה מיט די תפלה דײַנע אָדער דײַנע יסורים:

ושמעו אמרי כי נעמו כמו פולח ובוקע בארץ (תהילים ו' ז') האָט דער ריזינער געזאָגט אַזוי אויב אַמענש איז אדורש ברבים און ער זאָגט „שמעו אמרי כי נעמו" הערט מיך צו ווײַל מײַנע רייד זענען דאָך זיס, און דער עיקר תכלית פון זײַן דרשה איז ער נאָר אויסען מען זאָל נאָר הערען זײַנע רייד וואָס ער דרש"ת און ער מײנט גאָר ניט קײן אמת, איז דער גלײַך „כמו פולח ובוקע בארץ" אַזוי ווי אײנער האַקט האָלץ און שפּאַלט גאָר די ערד פועל"ט דאָך גאָר ניט זײַן האַקען אַזוי אויך אַז ער מײנט נאָר מיט זײַן דרשה זיך צו ריהמען מאַכט זײַן דרשה קײן רושם בײַ די צוהערערס, גלײַך ווי ער וואָלט גערעדט אל עצים ואבנים:

דאָס

דער צדיק מאפטא האט אמאל געזאגט אויף דעם ריזינער, עס שטייט (סוטה) „נערים פני זקנים ילבינו" דאס יונגוואַרג וועט פאַר־שעמען די אַלטע לייט. האט זיך דער אַפטער אנגערופען, וואס מיינט איהר אז דער תנא רעדט דאַ און מיינט שלעכטס ח"ו אויף אידען? און ער האט זיך אנגענומען ביי זיין גרייזגרויער באָרד און האט געזאגט בזה הלשון: מיר אַלטע לייט דארפען זיך שעמען פאַר דעם דאָזיגען יונגערמאַן דער ריזינער פאַר זיין גדלות און גרויסען צדקות

דרש ר' שמלאי מפני מה נתאוה משה לכנו וארץ ישראל וכי לאבול מפרי' הי' צריך וכו' (סוטה י"ד ע"א) ר' שמלאי האט געדרשית צו וואס האט משה רבינו אַזוי געגלוסט אַריין צו נעהן קיין ארץ ישראל צו ליעב די פירות צו עסען פון דארט? האט דער ריזינער געזאגט פשט אויף דעם, וויל עס ווערט געברענגט פאַר דעם האר"י הקדוש זצ"ל ווענען, אַז די פירות פון ארץ ישראל זענען מסוגל צו יראת שמים ווער עס עסט זיי, און וויל ביי משה רבינו שטייט אין די גמרא (ברכות ל"ג ע"א) „לגבי משה מילתא זוטרתא היא" אז ביי משה רבינו איז יראת שמים אין די קלענסטע זאַכען געווען האט ער דורך דעם נישט געברויכט האבען זיי סגולה צו עסען די פירות פון ארץ ישראל ער זאל דורך זיי צו קומען צו יראת שמים:

ער האט געזאגט אויף זיך דאס ער איז געגליכען צו קוועק־זילבער וואס דאס דערשפירט אחילוק צו מאַכען צווישען קעלט אדער וואַרים, אַזוי אויך דערשפירט ער תיכף דעם צער פון אַ איד מסוף עולם ועד סופו פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערען עק וועלט:

הרב הגדול ר' שלמה טאַרטקאָווער איז איינמאל געווען ביי נאכט אַליין אין ביה"מ ביי דעם ריזינער, האט ער דער הערט ווי דער ריזינער מיט זיין משמש ר' ליב עפענען די טיהר און קומען אַריין אין ביה"מ, האט ער זיך בעהאַלטען מען זאל איהם ניט זעהן ער האט מורא געהאט צו ווייזען זיך פאַר דעם ריזינער האט ער געהערט ווי דער ריזינער זאגט מיין ביה"מ איז גאר ליידיג און איז אַזוי געגאנגען אַרום מיט די לולקע און האט געזאגט צו דעם משמש ר' ליב דער בעל שם טוב איז אַמאל געווען אונטער וועגינס איז ער אַריין געגאַנגען אין אַ בית המדרש אַריין האט ער זיך אנגערופען דאַ טרעט מען אויף שמות, און האט אויך געגעבען צו פערשטיין וואס ער מיינט מיט דעם וויל אונזערע חז"ל זאגען (תקוני זוה"ק) „כל הלומד תורה בלא דחילא ורחימא לא פרחת לעילא" דער וואס לערענט תורה אָן יראת שמים געהט די תורה ניט אויף אין הימעל אַריין פאַר הקדוש ברוך, דורך דעם בלייבט די תורה אונטען אין בית המדרש ווי מען האט זי געלערנט אַלזאָ טרעט מען דאך אויף שמות אָבער ביי מיר אין ביה"מ האט דער ריזינער געזאגט איז ליידיג עס איז נישטאָ קיין שמות מען זאל אויף זיי טרעטען וויל דאַ לערנט מען תורה מיט

מיט יראת שמים, נעהט די תורה אויף פאר הקדוש ברוך הוא.

„כי הנה הוא יוצר הרים ובורא רוח ומגיד לאדם מה שיחו" (עמוס ד' י"ג) דען גאט איז דער בעשאַפער פון די בערג און בעשאפט דעם ווינט און זאגט דעם מענש זיינע שלעכטע רייד. האט ער געזאגט פשט פון דעם פסוק כדי דער מענש זאל ניט זאגען איך האב דאך גאר קיין עבירה געטוהען איך האב דאך נאר גערעדט מיט דעם מויל, און וואס האב איך דען געטוהען פאר אשלעכטס, אויף דעם זאגט דער פסוק „כי הנה הוא יוצר הרים" גאט האט בעשאפען די שטארקע בערג „ובורא רוח" און האט בעשאפען דעם ווינד וואס איז נאר אדבר שאין בו ממש פון דעסט וועגען קען דער ווינט אום לייגען אזעלכע שטארקע בערג, אזוי אויך „מגיד לאדם מה שיחו" זאגט ער דעם מענש זיינע שלעכטע רייד וואס דורך זיינע שלעכטע רייד וואס זיי האבען אויך קיין ממש ניט, פון דעסטוועגען קענען דורך זיי אויך פיעל שלעכטס ארוים קומען:

„תמחה את זכר עמלק" (דברים כ"ה כ"ט) דו זאלסט אפמעקען דעם זכר פון עמלק. אין אאנדער פסוק שטייט „כי מחה אמחה את זכר עמלק" (שמות) אז איך גאט וועל אליין אפמעקען דעם זכר פון עמלק, וואס איז דער פשט פון דעם, נאר האט ער געזאגט השם יתברך האט געהייסען די אידען דאס זיי זאלען זעהן זיך משתדל צו זיין און שטארקען זיך אין עבודה כדי אפצומעקען דעם זכר פון עמלק, דאס הייסט אוים צו מעקען דאס שלעכטס פון אידען, וואס דאס ווערט אנגערופען „מעשה עמלק", נאר צו משה רבינו האט השם יתברך געזאגט „שים באזני יהושיע" דו זאלסט זאגען יהושיע'ן בסוד אין אויער אריין אז „כי מחה אמחה את זכר עמלק" אז איך גאט וועל אוים מעקען דעם זכר עמלק דאס הייסט דאס שלעכטס וויל די אידען אליין זענען ניט בכח אוים צו מעקען דאס שלעכטס אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (קידושין ל' ע"ב) לולא הקדוש ברוך הוא עוזרו לא יכול לו" ווען ניט השם יתברך זאל צו העלפען דעם מענש קענען דעם יצר הרע, וואלט דער מענש ניט געקענט זיך אליין קענען איהם א עצה געבען און איהם ביי קומען:

„עת לחננה כי בא מועד (תהלים) האט ער אזוי געזאגט „לחננה" איז דער טייטש „אחנינה" דאס הייסט אמתנת חנם השם יתברך זאל אוים לייזען די אידען פון דעם גלות פריער פאר דעם זמן, וועט דאס הייסען פון השם יתברך „אמתנת חנם" אבער „כי בא מועד" אז וועט קומען צו דער צייט דאמאלס וועט דאס שוין ניט הייסען קיין „מתנת חנם":

ירבו עצבותם אחר מהרו (תהלים ט"ז ד') האט ער געטייטש אזוי: „ירבו עצבותם" די מענשען וואס זיי האבען גענוג פרנסה בריווח און פון דעסטוועגען זארגען זיי? וויל „אחר מהרו" זיי זארגען אויף שפעטער און זיי האבען ניט קיין בטחון אין השם יתברך אז ער וועט זיי שפעטער אויך העלפען:

„גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי" (תהילים כ"ח) האט ער געזאגט „גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע" פון מיין זייט איז חאטש ווען איך האב יסורים און עס איז מיר זעהר שלעכט וואלט איך דאס מקבל געווען באהבה און איך וואלט מיך גאר ניט געזארגט, נאר וואס דען עס איז דאך אבער „כי אתה עמדי" דו ביסט דאך אבער מיט מיר, דען הקדוש ברוך האט דאך אויך צער ווען עס קומט אויף דעם מענש יסורים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים) „בצרתם לו צר" אין זייער צרה האט ער אויך צער ווען עס קומט ח"ו א צרה אויף איהען האט השם יתברך אויך צער פון דעם. פון דעם האב איך צער:

„עד אנה תסתיר פניך ממנו, עד אנה אשית עצות בנפשי" (תהילים י"ג ב') האט ער אזוי געזאגט: „עד אנה תסתיר פניך ממנו" ווי לאנג איז השם יתברך מסתיר און פארהוילען זיין פנים פון דעם מענש, אזוי ווייט ביז „עד אנה אשית עצות בנפשי" כל זמן דער מענש זוכט זיך עצות ווי אזוי זיך צו העלפען אבער ווען דער מענש האט שוין גאר קיין עצה נוליין זיך צו העלפען, דאמאלס ווערט אוים הסתר נאר דער מענש זעהט די ישועה זיינע אז נאר השם יתברך האט איהם געהאלפען, (אזוי ווי עס שטייט געשריבען „משוד עניים ומאנקת אביונים עתה אקום יאמר ה'" פון דעם בראך פון ארומקייט און פון די געשרייען פון די אביונים אז זיי קענען זיך שוין גאר ניט העלפען, דאמאלס העלפט זיי גאט):

היסופר בקבר חסדיך כי אמונתך באבדון (תהלים) עס איז אמאל געקומען פאר דעם ריזינער א אשה וואס איהר זוהן האט מען צו גענומען צום מיליטער און זי האט זעהר געוויינט פאר איהם און האט געזאגט דאס זי וואלט בעסער באשטאנען זי זאל זעהן דאס קבר פון איהר זוהן איידער צו זעהן איהם ווי דער זוהן איז עובר אויף די תורה ווי חילול שבת און דאס גלייבען, האט זיך דער ריזינער אזוי אנגערופען „היסופר בקבר חסדיך" איז דען דאס שוין געהערט געווארען אז דאס קבר זאל גאר זיין א חסד פאר דעם מענש? דאס איז נאר מעגליך „כי אמונתך באבדון" ווען דער מענש זעהט אז די אמונה זיינע ווערט פארלוירען און ער ברויך עובר צו זיין אויף די מצות פון די תורה:

נאום הגבר שתום העין אשר מחזה שדי יחזה נופל וגלוי עינים (במדבר כ"ד) האט ער אזוי געזאגט דאס איז ידוע אז דער מענש איז לשון הקדש האט דריי נעמען, „גבר, אנוש, אדם", „גבר" איז די קלענסטע מדריגה פון א מענש וואס ער האט ניט קיין גרויסע אמונה אין השגחה פרטית אז אלעס טוט זיך ניט אליין און עס איז ניטא קיין מקרה, זאגט דער פסוק „נאום הגבר" דער מענש וואס ווערט גערופען מיט דעם נאמען „גבר" „שתום עין" ער זעהט ניט און גלייבט ניט אז עס איז דא א „עין" למעלה וואס גוט אכטונג אויף אלע מעשים פון דעם מענש נאר ער זאגט גאר אז גאט קוקט גאר נישט און גיט נישט אכטונג ח"ו אויף די

די וועלט נאָר עס פּירט זיך די וועלט בדרך הטבע, און עס איז אַלעס על פּי מקרה, אָבער „אשר מחזה שדי יחזה" דער מענש פון אַגרעסערע מדרינגה וואָס גלייבט יאָ אַז עס איז דאָ אַ בורא און אַ מנהיג אויף די וועלט דער מענש „נופל וגלוי עינים" איז חאָטש ווען ער פאַלט ח"ו און עס קומט אויף איהם אַ צרה חלילה, פאַלט ער ניט ביי זיך נאָר ער גלייבט באמונה שלימה אַז דאָס איז בהשגחה פון השם יתברך, און ער זאָגט „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" אַלעס וואָס גאָט טוט מיט דעם מענש איז אַלעס צום גוטען:

„רבים מכאובים לרשע והבוטח בה' חסד יסובבנהו" (תהילים ל"ב י') האָט ער אַזוי געטייטשט דעם פסוק „רבים מכאובים לרשע והבוטח בה'" פיעל ווייטיג איז דעם רשע און אויך צו דעם צדיק וואָס ער איז אַ „בוטח בה'" נאָר וואָס איז דער חילוק „חסד יסובבנהו" דעם צדיק וואָס ער איז אַ „בוטח בה'" ווען אפילו עס קומט צו איהם אַ ווייטיג, איז דאָס אָבער מיט חסד אָבער דעם רשע קומט די ווייטיג אָהן חסד און אָהן רחמנות:

כי עוני אגיד אדאג מחטאתי (תהילים ל"א י"ט) האָט ער געזאָגט אַמאָל ווען אַ מענש האָט זעהר עגמת נפש און זאָרגט זעהר ווייל ער האָט ניט קיין פּרנסה אין אַז מען פרעגט איהם פאַר וואָס ער איז אַזוי פאַר זאָרגט זאָגט ער נאָר ווייל דורך דעם וואָס ער האָט ניט קיין פּרנסה במנוחה האָט ער ניט קיין צייט צו לערנען און דאַווענען, און באמת איז נאָר זיין זאָרג ווייל ער איז בדוחק פרנסה, דאָס זאָגט דער פסוק „כי עוני אגיד" איך זאָג אַז מיין זאָרג איז דורך „עוני" איבער די זינד וואָס איך קען נישט דאַווענען און לערנען און באמת איז דאָס אַליגענד, דורך דעם „אדאג מחטאתי" זאָרג איך אַז דאָס איז אַ חטא, ווייל איך האָב ניט געזאָגט דעם אמת:

ולקחת מראשית כל פרי האדמה והבאת לפני ה' אלהיך וגו' (דברים כ"ו) דו זאָלסט נעמען די ערשטע פון דיינע פּירות פון די ערד און זאָלסט דאָס ברענגען פאַר גאָט, האָט דער ר' יזינער אויף דעם אַזוי געזאָגט אַז ווען אַ מענש הייבט זיך אויף אין דער פריה, און איז זיך מבלבל און פאַר נעמט זיך די ערשטע מינוטען פון זיין אויף שטעהן פון שלאָף, מיט הבלי עולם הזה מיט נאַרישקייטען און ער געהט נישט פריער דאַווענען אָדער לערנען, איז חאָטש דערנאָך געהט ער יאָ דאַווענען אָדער לערנען, איז דאָס נאָר ניט ווערט, אָבער אַז דער מענש איז מקדיש די ערשטע מינוטען פון טאָג מיט דעם דאַווענען אָדער מיט לערנען און דערנאָך געהט טוהען זיין מלאכה אָדער האַנדלען, איז ער בטוח אַז אַלעס וואָס ער וועט טוהען אַגאַנצע טאָג וועט אַלעס הייסען לשם שמים, ווייל דער עיקר ביי יעדערע זאַך איז די התחלה דער אָנהייב און ווען דער אָנהייב איז גוט אַזוי געהט שוין ווייטער, און דאָס איז דער טייטש פון דעם פסוק (תהילים) „אלהים אלי אתה אשחרך" אַז מיין אויף הייבען אין דער

פריה

פּריה אַת באַלד נאָר צו דיר מײַן גאָט, דורך דעם, „צמאה לך נפשי כמה לך בשרי", איז תמיד מײַן חשק צו דיר גאָט און מײַן לײַב טוט שטענדיג ברימען צו דיר אפילו ווען „בארץ ציה ועיף בלי מים" איך גײה אין אוויסט לאַנד ווי קײַן וואַסער איז ניטאָ און איך גײה זיבען פּרנסה נאָך, פון דעסט וועגען „כן בקודש חזיתיך" מײַן איך אַלעם בלויז קודש און לשם שמים:

איין מאָל אין דער פּריה האָט דער ריזינער פאַר דעם דאַוּוענען מאריך געווען און האָט דערצײלט מעשיות און שבחים פון גרויסע צדיקים ביז עס איז איבער געגאַנגען דער זמן התפלה האָט ער מפסיק געווען און האָט זיך אַזוי אָנגערופען: עס איז שוין נאָך דעם זמן התפלה און איך האָב נאָך ניט געדאַוונט, נאָר וואָס איז דער חילוק צווישען „הללו עבדי ה'" און „הללו שם ה'" דאָס איז געלויבט גאָט און דאָס איז אויך גע־לויבט גאָט, און אויב דו וועסט אפשר וועלען זאָגען אז עס איז יאָ דאָ אַחילוק, שטײט אָבער אין דער תורה (שמות) „מקבילות הלולאות" די שלײַפען וואָס זענען געווען בײַ דעם משכן זענען געווען אַלע, גלײַך קײַן שום חילוק איז ניטאָ:

ער האָט געזאָגט פאַר וואָס אַלע גרויסע צדיקים האָבען גערעדט פון ביאת המשיח און ער רעדט נאָר נישט פון דעם, ווײַל דאָס איז גלײַך ווי צווײ מחותנים זענען צו זאַמען געקומען זיך, צו שמועסען וועגען שידוך זאַכען איז דער דרך עולם אז די מחותנים רײדען פון דעם שידוך אָבער דער חתן זיצט און שווײַגט:

דער חסיד ר' היצל מלאַצק האָט דער צײלט אַז ער איז געווען שבת אַמאָל בײַ דעם ריזינער איז דער ריזינער געזעסען בײַ דעם טיש און אַערך פון צעהן חסידים זענען אויך געזעסען בײַ דעם טיש, האָט דער ריזינער זיך אַזוי אָנגערופען, עס וועט קומען אַצײַט וואָס דעם פּראָסטען מענש וועט זײַן גוט סײַ אין גשמיות סײַ אין רוחניות, אין דעם אײדעלעם מענש וועט זײַן שלעכט סײַ אין גשמיות סײַ אין רוחניות ער וועט קײַן פּרנסה האָבען און האָבען דאגות ר"ל וואָס ער וועט דורך דעם ניט קענען קײַן קאַפּיטעל תהילים זאָגען און האָט אוים געפיהרט פאַר וואָס דערצײל איך אײַך דאָס כדי איהר זאָלט וויסען און ניט פאַלען בײַ זיך עס דאַרף אַזוי זײַן און עס מוז אַזוי זײַן:

ווען דער ריזינער האָט געוואָהנט אין סאַדיגיר זענען צווײ אידישע סאָלדאַטען זיך אײַנגעשטעלט און אַריבער די גרעניץ און געקומען צו דעם ריזינער קײַן סאַדיגיר און איהם דערלאַנגט אַקוויטעל מיט זיבען רובל אפּדיון נפש און האָבען געוויינט און געשריגען פאַר דעם ריזינער וואָס וועט זײַן זײער תכלית זײ זענען געניט מחלל שבת צו זײַן און מוזען עסען טריפות, און דאַמאָלס האָט דער ריזינער גראַד געגאַנגען אַוועק פאָהרען שפּאַצירען אַביסעל אויף די פרישע לופט, האָט זיך דער ריזינער

צו

צו זיי אנגערופען, הערט צו דאס געלד נעמט אייך צוריק צו, און וועגען דעם וואס איהר זענט זיך מתנצל אז איהר מוזט מחלל שבת זיין און מוזט עסען טריפות, פאר דעם זאלט איהר גאר ניט קיין מורא האבען, נאר ווען משיח וועט אי"ה קומען בב"א וועט איהר געהן אין פראנט פריהער פאר אלע צדיקים:

דער רוזינער האט דערציילט פון דעם הרב הצדיק משפאלע מיט דעם בעוויסטען נאמען דער שפאלער זיידע אז ער איז געוועזען געוואוינט אזוי צו זאגען און זיך מתנצל זיין פאר השם יתברך: רבש"ע דורך דיין נצחון וואס דו ווילסט מנצח זיין די אידען זאלען די אידען ליידען אזא לאנגען גלות ווייל דו זאגסט „שובו אלי ואשובה אליכם" זאלען די אידען צו מיר תשובה טוהען פריער דער נאך וועל איך מיר צוריק אומקערען צו זיי, און די אידען זאגען ווייטער פארקעהרט „השיבנו אליך ונשובה" נעם אונז אידען צוריק צו דיר פריהער און דער נאך וועלען מיר תשובה טוהען צו דיר, פאר וואס האלסטו אויף דאס גלות און דו ווארטסט אז אידען זאלען פריער תשובה טוהען, איך שווער דיר ביי מיין בארד און פיאות אז אידען וועלען ניט טוהען קיין תשובה פאר די גאולה, אזוי האט געזאגט תמיד דער שפאלער זיידע. האט דער רוזינער אויף דעם געענטפערט איך זאג אויך אזוי אז אידען וועלען ניט קיין תשובה טוהען פאר די גאולה נאר דאס בין איך מוסיף אויף דעם שפאלער זיידעס רייד און זאג אז ווען משיח וועט קומען וועלען די אידען געוויס תשובה טוהען, ווייל די אידען זענען זעהר געשעכט. די אידען זאגען „ומפני חטאנו גלינו מארצינו" „ומפני" איז דער טייטש פריהער איז דער פשט פון דעם אזוי: „ומפני חטאנו" איידער מיר האבען געזינדיגט „גלינו מארצינו" איז אויף אונז נגזר געווארען גלות, ווען הקדוש ברוך הוא האט כורת ברית גע-ווען מיט אברהם אבינו „בין הבתרים" האט ער איהם מודיע געוועזען פון דעם אז אידען וועלען פיער מאל אין גלות זיין, על כן ברויכסטו אויך יעצט טוהען די אידען מדה כנגד מדה און זיי אויס לייזען פון דעם ביטערען גלות איידער זיי טוהען תשובה צו דיר אזוי גוט ווי דו האסט אויף זיי גוזר געווען דאס גלות איידער די אידען האבען צו דיר גע-זינדיגט:

„כל העולם ניזון בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין" (ברכות י"ז ע"ב) די גאנצע וועלט ווערט געשפייזט צוליעב חנינא מיין זוהן, און מיין זוהן חנינא לאזט זיך בעניגען מיט א טאפ לינזען. האט דער רוזינער געזאגט פשט פון דעם אזוי: „בשביל" איז דער טייטש אשמאלער וועג אין די גמרא. איז אזוי דער פשט „כל העולם ניזון בשביל" דארום ווערט די גאנצע וועלט געשפייזט בצמצום איבער „חנינא בני" מיין זוהן חנינא דאס מיינט מען דעם צדיק הדור, „וחנינא בני" און דער צדיק הדור „די לו בקב חרובין" לאזט זיך בעניגען נאר מיט א טאפ

נאר

לינזען ער לעבט זיך בצמצום, דער צדיק הדור אבער ברויך לעבען ווי א עושר בריווח און ניט בצמצום כדי ער זאל ממשיך זיין השפעה צו די גאנצע וועלט. אויף דעם האט דעם ריזינערס זוהן דער צדיק מסאדיגוריע געזאגט אראי' פון א תוספת אין מסכת (גיטין ד' י"ב) זאגט דארט תוספת אז דאס ווארט „מזונות" איז דער טייטש נאר עסען אליין, און דאס ווארט „פרנסה" איז דער טייטש אלעם וואס אמענש ברויך עסען און אמלבוש און אדירה און דאס גלייכען, איבער דעם שטייט דא „כל העולם ניזון" ווייל דאס ווארט „ניזון" איז דאס לשון „מזונות" נאר עסען אליין בצמצום:

אמאל איז דער ריזינער ארויין געקומען אין א ארט ווי חסידים זענען געזעסען צו זאמען און געטרינקען בראנפען און זיי האבען ביי דעם ריזין ער ניט געזעהן קיין פנים שוחקות, אפריילע מינע, האבען זיי גע- רעכינט אז איהם ארט און געפעלט ניט זייער זיצען און בראנפען טרינקען האט זיך איינער פון זיי אנגערופען און דערציילט פון דעם צדיק הר' פנחס מקאריץ זצ"ל האט געזאגט אז חסידים זיצען צו זאמען און טרינקען בראנפען · איז גלייך ווי געלערנט תורה. האט דער ריזינער אויף דעם געענטפערט אזוי, איך זאג אויך אזוי ווי דער צדיק מקאריץ, נאר ניט שטענדיג איז גלייך ביי דעם, אין אזוי געפינען מיר אחילוק אן אונזער הייליגע תורה אז איין ווארט איז אמאל דער טייטש קודש הייליג און דאס זעלבע ווארט אויף אאנדער ארט איז דער טייטש גאר חול וואכעדיג, דהיינו עס שטייט אין די תורה פסל לך (פרשת כי תצא) דאס שטייט ביי די הייליגע „לוחות" איז דאס ווארט „פסל" אהייליג ווארט, און א צווייטער ארט שטייט אין די תורה „לא תעשה לך פסל" די זאלסט דיר נישט מאכען קיין בילד פאר אגאט, איז שוין יעצט דאס ווארט „פסל" א וואכעדיג ווארט, וואס איז דער חילוק פון דעם, נאר אזוי, לאמיר זעהן דעם חילוק ווען דאס ווארט „פסל" איז הייליג דאמאלס שטייט דער נאך דאס ווארט „לך" צו דיר, און דא ווי דאס ווארט „פסל" איז וואכעדיג שטייט דאס ווארט „לך" צו דיר, פריער פאר דעם ווארט „פסל" אז עס שטייט „פסל לך" דאס ווארט לך נאך דעם ווארט „פסל" איז דאס ווארט „פסל" הייליג, אבער אז עס שטייט „לא תעשה לך פסל" דאס ווארט „לך" פריער פאר דעם ווארט „פסל" איז דאס ווארט „פסל" וואכעדיג. וואס איז דער פשט פון דעם? נאר אזוי אז דער מענש טהועט אזאך און איז נישט אויסען מיט דעם פאר זיין הנאה ווענען, וואס מיט דעם מיינט מען דאס ווארט „לך" צו דיר נאר ער טהוט די זאך לשמה איז דאך נישטא דער „לך" איז די זאך וואס דער מענש האט געטוהען קודש הייליג, דער איבער שטייט אין די תורה „פסל לך" איז דאס קודש, אבער ווען דער מענש מיינט גאר מיט דעם זיין הנאה פריער איז דער „לך" שוין פריער איז די זאך וואכעדיג איבער דעם שטייט אין די

תורה

תורה „לא תעשה לך פסל" איז דאס חול וואכעדיג, אז חסידים טרינקען צוזאמען בראנפען און זיי זעגען ניט אויסען זייער הנאה נאר טאקי לשבח כדי זאלען ווערען גוטע פריינד און עס זאל זיין אחדות צווישען זיי וכדומה איז חאטש זיי האבען הנאה אויך איז דאס פארט קודש הייליג, אבער ווען זיין מיינען נאר דעם בראנפען, איז חאטש עס קומט ארויס פון דעם גוטס אויך, איז דאס חול וואכעדיג:

איינער פון די חסידים האט אמאל אין ערב יום כיפור דערלאנגט דעם ריזינער אקוויטעל, האט ער אויף איהם זיך אנגעבייזערט און האט צו איהם געזאגט מען לאזט מיר שוין ניט עסען, און דער חסיד איז אוועק געגאנגען מיט פחי נפש. מוצאי יום כיפור האט דער ריזינער זיך געבייזערט אויף דעם משמש זיינעם ר' ליב פאר וואס ער לאזט ניט אריין צו איהם די חסידים וואס ווילען אריין געהן, און דער חסיד וואס דער ריזינער האט זיך אויף איהם געבייזערט ערב יום כפור האט אויך געוואלט אריין געהן בתוך הבאים און איז צו געגאנגען צום ריזינער האט דער ריזינער צו איהם אזוי געזאגט עס שטייט אין פסוק „סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפהו (תהילים) קעהר זיך אוועק פון דעם שלעכטס און טוהע נאר גוטס, זוך דעם שלום און יאג איהם נאך, וואס איז דער פשט פון דעם? נאר אזוי, ווי אזוי קענען מיר זיין „סור מרע" אפקערען זיך פון שלעכטס, ווען דער יצר הרע לאזט אבער ניט, זאגט דער פסוק ווייטער „ועשה טוב" טוהע נאר גוטס וועט שוין ממילא דאס שלעכטס אוועק געהן פון דיר, נאר אבער עס איז דאך שווער צו טוהען בלויז גוטס דער גוף איז דאך ניט נאך געוואוינט צו דעם זאגט דער פסוק ווייטער „בקש שלום" זוך נאך דעם שלום דאס מיינט מען דעם צדיק הדור וואס ער ווערט אנגערופען „איש שלום" און „ורדפהו" און יאג איהם נאך, חאטש דער צדיק איז דיך מרחק דערווייטערט זיך פון דיר זאלסטו איהם נאך יאגען און איהם זיך באהעפטען:

עס איז אמאל געקומען א אפיקורס צו דעם ריזינער און האט איהם געזאגט, איך האב געהערט זאגען אז איהר זייט א גרויסער חכם, וועל איך אייך פרעגען עפעס איהר זאלט מיר ענטפערען אויף דעם. פאר וואס גלייבט איהר אין ביאת המשיח ווען עס שטייט דאך בפירוש אין א פסוק (עמוס ה') „נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל" דו ביסט געפאלען וועסט נישט מעהרען מעהר אויף שטעהן די בתולה ישראל. האט איהם דער ריזינער געענטפערט די גמרא דרשות דאך אנדערש דעם פסוק „נפלה לא תוסיף" פאלען וועסטו שוין נישט מעהר, „קום בתולת ישראל" שטעה אויף דו בתולה ישראל, האט דער אפיקורס געענטפערט איך גלייב אבער ניט אין די דרשות פון די גמרא, נאר זאגט מיר א ראיה פון א פסוק, האט איהם דער ריזינער געענטפערט דאס זאגט שוין דוד המלך אין זיין תהילים (קי"א) „או לכם משכימי קום מאחרי שבת וגו'" וועה איז

איז צו אייך דו וואס פעדערען פריה אויף שטעהן פאר שפעטיגען צו זיצען, איז דער פשט אזוי „או לכם משכימי קום" ווערה איז צו די מענשען וואס פעדערען דאס ווארט „קום" ווייל זיי טייטשען דעם פסוק „נפלה לא תוסיף קום" אז דאס ווארט קער זיך אן צו דעם פריערדיגען ווארט „תוסיף" איז דער טייטש ח"ו „נפלה לא תוסיף קום" דו ביסט געפאלען און וועסט מעהר ניט אויף שטעהן חלילה, ניט אזוי איז דער פשט אין דעם פסוק נאר וואס דען „מאחרי שבת" פאר שפעטיג צו זעצען דאס ווארט „קום" צום „בתולת ישראל" איז דער טייטש אין פסוק אנדערש: „נפלה לא תוסיף" פאלען וועסטו ניט מעהר „קום בתולת ישראל" שטעה אויף דו בתולה ישראל:

חכם מה הוא אומר (הגדה של פסח) „חכם" דער חכם, „מה הוא" וואס ער איז „אומר" זאגט ער „רשע מה הוא אומר" „רשע" דער רשע „מה הוא" וואס ער איז „אומר" זאגט ער דאס הייסט פון די רייד פון א מענש דערקענט מען וואס ער איז א צדיק א חכם, אדער א רשע, א נאר:

די מעשה איז א סגולה צו דערציילען א אשה וואס איז א „מקשה לילד" איינמאל זענען געווען צו זאמען אויף א ארט דער צדיק הר' מאטלי מטשארנאביל זצ"ל זי"ע מיט דעם ריזינער איז געקומען פאר זיי א מאן מיט א בקשה פון א מקשה לילד ר"ל, און זיי האבען זיך כבוד אנגעטוהען און ניט געוואלט נעמען דעם פדיון דער האט געזאגט דער זאל נעמען, און דער האט געזאגט דער זאל נעמען, ביז דער ריזינער האט גענומען דעם פדיון פאר די אשה המקשה לילד, און האט דערציילט א מעשה. מעשה עס איז געווען אין די שטאדט „רוים" וואס דארט איז דאס ארט ווי עס וואהנט דער ראש איבער אלע גלחים און כומרים, און אויך איז דארט פארהאן א שקאלע פאר גלחים ווערען, איז דארטען געווען א פרוי א כריסטען וואס זי איז געוועזען א גרויסע געלהרטע און האט גוט געקענט די אלע געזעצען און מנהגים פון די דוחאוונעסטווי פון די גלחים, האט זי זיך מתקנא געווען אין גרויסקייט פון די ארטיגע גלחים און די גרויסע ממשלה פון דעם ראש דער פאפסט, איז איהר איינגעפאלען א עצה אין זי האט זיך פארשטעלט פאר א מאנספערזאן און זיך געקליידעט ווי א מאנסביל און זי האט זיך מחבר געווען מיט די אוטשנעס פון די ארטיגע גלחים שקאלעס און איז אנגעקומען אין די שקאלע אריין פאר א תלמיד, און זי איז געווארען דארטען זעהר גרויס און זעהר אנגענומען ביי די גרעסטע פראפעסארען, דערווייל האט זיך געמאכט אז דער ראש דער פאפסט איז געשטארבען, האט מען געברויכט נעמען איין אנדערען פאפסט איז מען געגאנגען קלויבען פון די בעסטע סטודענטען פון די גלחים שקאלע, איז די פארשטעלטע פרוי אויף גע-נומען געווארען פאר א פאפסט ווייל יעדער האט דאך געמיינט אז זי איז א מאנספערזאן, נאר ווי דער שטייגער איז זענען דאך די דאזיגע לייט

גרויסע

גרויסע נואפים איז זי שוואנגער געווארען צו זנות, און זי איז שוין געװוען אויף די צייט, איז דער ווייל אנגעקומען דער גרויסער חגא-טאג, זאלען זיך איין אגרויסער עולם אויף די גאס און מען שטעלט אויף א בימה און דער ראש הכומרים דער פאפסט האלט ארײדע פאר דעם גרויסען עולם װעגען כריסטענטהום, איז זי אויך געגייט געװען צו געהן אין דעם טאג, נאר ווייל זי איז שוין געװוען אויף די צייט, איז ווען זי האט געהאלטען אין די ריידע זאגען און איז געשטאנען אויף די בימה, האט זי געקריגען וועהען, און זי האט אויף דעם ארט געווינען א זוהן, איז געווארען אגרויסער רעש דארטען ביי דעם עולם וואס זיי האבען דאס געזעהן און דאס געהערט, און פון דאמאלס אן איז געבליבען ביי זיי אגעזעץ אחוק ולא יעבור, אז ווען מען וועט איף נעמען איינעם פאפסט זאל מען איהם בודק זיין צו ער איז א מאנספערזאהן אדער ניט... אז דער ריזינער האט געקאנשעט די דאזיגע מעשה צו דערציילען האט ער אוים געררופען „מזל טוב מזל טוב" און האט געזאגט צו דעם מאן פון די פרוי המקשה לילד גשה אהיים דיין ווייב האט געווינען אזוהן:

דערנאך האט זיך דער צדיק מטשארנאביל אנגערופען צו דעם ריזינער עס איז מיר אפלא אויף איך וואס איהר האט ביי אפריון נעמען זיך בענוצט מיט אמעשה דערצעלען, האט איהם דער ריזינער געפרעגט, און איהר ווי אזוי זענט זיך נוהג ביי דעם ענין, האט דער צדיק מטשארנאביל געענטפערט אזוי, עס דאך ידוע אז אין די תורה געפינט זיך „ס' רבוא אותיות" זעכס מאהל הונדערט טויזענד אותיות, און קענען דעם געפינט זיך „כ' רבו נשמות ישראל" זעכס מאהל הינדערט טויזענד נשמות אידישע, און אויב דער איד זינדיגט איז ער פוגם אין דעם אות פון די תורה וואס איז מכוון קעגען איהם און זיין נשמה על כן ווען עס קומט פאר פאר מיר א איד מיט עפעס אבקשה, זוך איך אוים דאס אות אין די תורה וואס עס איז מכוון קעגען דעם איד'ס נשמה, און זעה וואס דער פגם איז, בין איך מתפלל צו השם יתברך און בין מתקן אויך דעם פגם פון זיין נשמה, און אזוי ארום ווערט דער איד געהאלפען. האט איהם דער ריזינער געענטפערט דער ווייל איידער איהר זייט מתקן די נשמה פון דעם איד, ווי אזוי וועט דער איד האבען כח אוים צו האלטען די צרה זיינע, אבער מיט די מעשה וואס איך האב דערציילט יעצט איז אפילו דאס וועט דערצעלען אפראסטער מענש קען מען אויך געהאלפען ווערען. האט דער צדיק מטשארנאבעל געפרעגט דעם ריזינער, פון וועלכען ארט האט איהר זיך דאס ארוים גענומען פון די תורה אז מען קען פועל זיין ישועות דורך מעשיות צו דער ציילען, האט דער ריזינער איהם גענטפערט פון די תורה ביי אליעזר „עבד אברהם" ווען ער איז געקומען נעמען רבקה'ן פאר יצחק'ס וועגען שטייט אין די תורה „וישם לפניו לאכול" מען האט איהם דארטען ביי בתואל'ען געגעבען צו עסען האט

דאָט ער געזאָגט „לא אוכל עד אם דברתי דברי" איך וועל ניט עסען פריער איידער איך וועל דערציילען מיינע רייד, וואָס עס שטייט ווייטער אין די תורה אז ער האָט דערציילט די גאַנצע מעשה ווי אַזוי ער איז געקומען אַהער, איז דער פשט אַזוי. אליעזר דער קנעכט פון אברהם אבינו האָט געזעהן דאָס עסען וואָס מען האָט איהם געגעבען ברויך מען מתקן זיין און עס איז שורה אויף דעם די דינים, האָט ער ניט געוואָלט עסען און האָט פריהער דערציילט די מעשה, האָט ער מיט די מעשה פועל געווען אַז דאָס עסען איז געוואָרען פון דינים רחמים כידוע, און דאָס איז דאָס מיינונג פון רש"י הקדוש וואָס רש"י זאָגט דאָרטען מיט דעם לשון „יפה שיחתן מעבדי אבות מתורתן של בנים" עס איז בעסער די רייד פון די אבות קנעכט ווי דאָס לערנען פון זייערע קינדער, איז דער פשט אַזוי עס איז בעסער די ישועה וואָס עס קומט אַרוים דורך אַמעשה דערציילען אפילו פון אַ פראָסטען מענש ווי אַ עבד, איידער די ישועה וואָס עס קומט אַרוים דורך תורה אַזוי ווי אויבען איז געשריבען:

די מתנגדים פון די שטאָדט סאַניק זענען אַריין געקומען צו דעם ריזינער ווען ער איז גראָד אַדורך געפאָהרען דורך די שטאָדט סאַניק, און זיי האָבען געפרעגט דעם ריזינער פאַר וואָס איז דאָס, אונז מתנגדים וואָס מיר געהן אין גאָטס וועג מיר זענען קובע עתים לתורה, און מיר זענען מתפלל תפלה בצבור בהשכמה אַזוי ווי די ותיקין, און נאָך דעם דאַווענען לערנען מיר משניות אין טלית און תפילין רופט מען אונז מתנגדים, און די חסידים וואָס זיי דאַווענען נאָך דעם זמן התפלה, און תיכף נאָך דעם דאַווענען זעצען זיי זיך טרינקען בראַנפען זענען זיי מכונה בשם חסידים? עס ברויכט זיין פערקעהרט: אונז ברויך מען רופען חסידים און זיי מתנגדים האָט זיך דעם ריזינערס משמש ר' ליב ניט געקענט זיך איינהאַלטען און האָט זיך אַנגערופען מיט אַגלעכטער, ווייל די מתנגדים דאַווענען נאָר קאַלט אָהן וואַרימקייט אַזוי ווי אַ מת און נאָך אַמת לערנט מען משניות, אָבער די חסידים וואָס זיי טוהען עפּעס איז דאָס אַלעס מיט היץ און מיט פייער אַזוי ווי אַ לעבעדיגער מענש, און אַ לעבעדיגער מענש ברויך האָבען אַביסעל בראַנפען איבערדעם טרינקען זיי דערנאָך בראַנפען, האָט זיך דער ריזינער אַנגערופען צו זיי אַזוי, דער תירוץ וואָס ר' ליב האָט געזאָגט איז נאָר על דרך הלצה. נאָר דער אמת איז אַזוי, עס איז דאָך ידוע אַז „מיום שחרב בית המקדש" פון דעם טאָג וואָס דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען און מיר קענען שוין ניט מקריב זיין קיין קרבנות, האָט מען מתקן געווען די תפלה זאָל זיין אויף דעם אָרט ווי אַ קרבן, אַזוי ווי עס שטייט געשריבען (בסדר התפלה) „ונשלמה פרים שפתינו" מיר באַצאָלען דעם קרבן מיט אונזערע ליפצען דאָס הייסט מיט די תפלה וואָס מיר זענען מתפלל איז גלייך ווי מיר וואָלטען מקריב געווען אַקרבן, און אויך די גמרא זאָגט (ברכות כ"ו ע"ב) „תפלות כנגד

תמידין

תמידין תקנו" אז די תפלות האט מען מתקן געווען קעגען דעם קרבן התמיד וואס מען האט מקריב געווען אין בית המקדש, און דאס איז דאך ידוע אז ביי אקרבן איז דאס פסול געווארען דורך א מחשבה פון פיגול, אז מען האט געהאט אשלעכטע מחשבה ביי דעם קרבן איז דאס קרבן פסול געווארען, אזוי אויך ביי די תפלה וואס איז חשוב ווי אקרבן פסול'ט אויך אשלעכטע מחשבה, און אז דער מענש שטעלט זיך דאווענען קומט דאך אבער צו געהן דער יצר הרע צו איהם מיט פערשידענע תחבולות און מחשבות זרות וואס זיי זענען איהם מבלבל די תפלה, ע"כ האבען די חסידים געפינען א עצה צו דעם אקעגען דעם יצר הרע, אז נאך דעם דאווענען זעצען זיי זיך טרינקען בראנפען און ווינשען זיך איינער דעם אנדערען „לחיים" און וואס איינעם פעהלט עפעס דער ציילט ער דעם צווייטען און יענער ווינטשט איהם ער זאל געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען, און דער דין איז דאך „דתפלה נאמרה בכל לשון" אז די תפלה פון אמענש ווערט געזאגט און אנגענומען ביי כביכול אויף יעדע שפראך, הייסט שוין דאס אתפלה און דער יצר הרע האט צו דעם קיין שליטה נישט, וויל ער מיינט דאך אז זיי זענען נאר עוסק אין בראנפען טרינקען ווייל זיי ריידען אפראסט לשון איז ער ניט מרגיש אין דעם קיין ענין תפלה:

„לכו נא ונוכחה יאמר ה'" (ישעיהו א') געהטס און לאמיר האבען א וכוח זאגט גאט, האט ער געפרעגט ברויך דאך שטעהן „בואו" קוממט האבען מיט מיר אוכוח. האט ער אזוי געענטפערט, דער שטייגער איז ווען צוויי מענשען האבען אוכוח און קענען זיך ניט אויס גלייכען קומט צו געהן אמענש אדריטער מאן א גרויסער מעקלער אז ער געהט די זאך אויס גלייכען רופט ער און געהט אוועק מיט יעדען איינציגען אין אזייט, און אזוי ארום ווערט די זאך אויס געגלייכט, דאס זעלבע זאגט אויך דער פסוק „לכו ונוכחה יאמר ה'", לאמיר געהן אין אזייט און זיך אויס-גלייכען, והבן:

דער צדיק הר' שלום דער עלטסטער זוהן פון ריזינער, האט געזאגט אזוי בזה הלשון: מיין פאטער איז שוין צום דריטען מאל אויף די וועלט, און ער איז קיין מאל ניט געווען אזוי בשלימות ווי דאס דאזיגע מאל, ווען אפילו ער וואלט געווען אזוי בשלימות און די צייט פון די אבות וואלט דאס אויך געווען אחידוש גדול און אויך האט ער געזאגט אויף דעם פאטער דער ריזינער, אז „מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע" דאס רעגירונג פון די וועלט איז גלייך צו דעם רעגירונג פון הימעל, אזוי גוט ווי ביי דעם רעגירונג פון די וועלט אויב אמענש פארשילדיגט זיך קען ער זיך אפקויפען מיט געלד, ער גיט שוחד, אזוי אויך אויב אמענש ווערט נכשל אין עבירה, און ער קומט דערנאך צו

מיין

מײן פאטער איז דאס אזוי גוט ווי געגעבען שוחד און ער איז זוכה תשובה צו טוהען:

נאך האט ער געזאגט פאר זײן פאטערס וועגען דער ריזינער אז עס וואלט גלײך געװוען אז אידען זאלען געהאלפען װערען מיט כל טוב אײדער משיח קומט, כדי זײ זאלען קענען מבחין זײן וואס מען מײנט גוטס, ווארום אז מען נעמט אײנעם ארוים פון געפענגעניש און מען מאכט איהם פרײ, איז דאך נאך ניט קײן רבותא אז ער פארשטײט אז דאס איז גוט, אבער אז די אידען װעלען פערזוכען עפעס גוטס אײדער משיח וועט קומען, און זײ וועלען מבחין זײן אין דעם גוטס פון משיח'ן וועט דאס הײסען א רבותא:

ווען דער ריזינער איז געקומען קײן סאדיגוריע איז די שטאדט געװוען זעהר צולאזט און פארשארט און „אין יראת ה׳ במקום הזה" האט דער ריזינער אזוי געזאגט עס שטײט אין די תורה „כה אמר בנך יוסף שמני אלהים לאדון ולמושל בכל ארץ מצרים" (פרשת מקץ) אזוי האט דײן זוהן יוסף געזאגט גאט האט מיר געטוהען פאר אהער און אנגע־װעלטיגער איבער דעם גאנצען לאנד מצרים, איז דאך די קשיא וואס פאר אבשורה איז דאס געװוען וואס יוסף האט געהײסען זאגען זײן פאטער יעקב אבינו אז ער איז געווארען א מושל איבער דעם לאנד מצרים, וואס דאס לאנד איז מלא מיט טומאה, נאר עס איז דאך ידוע אז דאס ווארט „כה" מײנט מען די שכינה הקדושה אזוי ווי דער מדרש זאגט כל הנביאים נתנבו „בכה" אלע נביאים האבען נביאות געזאגט מיט דעם ווארט „כה", און אײדער יוסף איז געקומען קײן מצרים האבען זײ ניט געװוסט אז עס איז דא אגאט איבער די גאנצע וועלט, נאר אז יוסף איז געקומען קײן מצרים האט ער יעצט מפרסם געװוען אז עס איז דא אגאט אויף די וועלט, און דאס האט יוסף געשיקט זאגען דעם פאטער „כה אמר" די שכינה זאגט אז „בנך יוסף שמני אלקים ולאדון בכל ארץ מצרים" דײן זוהן יוסף האט מיך געמאכט פאר אגאט און ארון איבער גאנץ מצרים אבער פריער האבען זײ ניט געװוסט פון גאט:

# לחנוכה

בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי ובניו וכו׳ (סדר התפלה) האט דער ריזינער געפרעגט פאר וואס איז מען מייחס מתתיהו אז ער איז געװוען יוחנן כהן גדול'ס אזוהן א מעהר יוחנן איז דאך געװוען א אפיקורס די גמרא זאגט דאך (ברכות כ"ט ע"א) „פ׳ שנים שימש ולבסוף נעשה צדוקי" אכטציג יאהר האט יוחנן משמש געװוען אין בית המקדש און צום סוף איז ער געווארען א אפיקורס דארפען מען דאך ניט דער מאנען אז דער צדיק מתתיהו וואס אין זײן צײט איז געשעהן דאס נס חנוכה אז

ער

ער איז געוועזן דעם יוחנן'ס אוצן , האט ער געענטפערט אזוי עס איז דאך ידוע אז אאפקורס גלייבט נאר ניט אין תורה שבעל פה אין די דרשות פון די חז"ל, און די תורה שבעל פה ווערט אנגערופען „נר מצוה" אליכטיגע מצוה ווייל עס שטייט „מצוה לשמוע דברי חכמים" עס איז אמצוה צו הערען די רייד פון אונזערע חכמים דאס איז די דרשות פון די גמרא און מדרש , און תורה שבת הייסט „הורה אור" די ליכט פון לערנען, נמצא ווערט דאך געפינען אז יוחנן כהן גדול וואס ער האט ניט געגלייבט אין די תורה שבעל פה די גמרא וואס זי ווערט אנגריפען „נר מצוה" אלכט פון אמצוה, און די גמרא זאגט „מתתיהו זהו ר' יהודה" מתתיהו מיינט מען דעם תנא ר' יהודה און די גמרא זאגט נאך (ב"ק פרק הכונס) „החנוני שהניח נרו מבחוץ והודלק בה ההנוני חייב ר' יהודה פוטר בנר חנוכה" אויב דער קרעמער האט אוועק געשטערט זיין ליכט אויף די גאס און דאס ליכט האט וועמען פאר ברענט ברויך דער קרעמער באצאלען דעם שארען און ר' יהודה זאגט ווען דאס ליכט איז געוועזן א חנוכה ליכטעל, דאמאלס האט מען געברענט די חנוכה ליכט אויף די גאס איז דער קרעהמער פטור צו באצאלען ווייל ער האט דאס ליכט געמעגט שטעלען אויף די גאס. איז דער פשט אזוי, „חנוני" זענען די זעלבע אותיות ווי „יוחנן" מיינט די גמרא אזוי „חנוני" „יוחנן כהן גדול" „שהניח נרו מבחוץ" האט אוועק געשטעלט דאס ליכט די תורה שבעל פה וואס ווערט אנגערופען „נר מצוה" אליכט, „מבחוץ" פון דרויסען ער גלייבט ניט אין דעם ליכט פון די תורה שבעל פה, „חייב" איז ער חייב א עונש מן השמים און ער ברויך געשטראפט ווערען פון גאט, „ר' יהודה" דאס מיינט מען דעם „מתתיהו" „פוטר" פטר'ט דעם יוחנן פון א עונש ווייל ער מתתיהו האט איהם ר' יוחנן מתקן געוועזן זיין חטא מיט דעם „נר חנוכה" מיט דעם ליכטעל פון חנוכה וואס דורך איהם איז געשעהן דאס „נס חנוכה" איבער דעם איז שוין רעכטיג פאר וואס עס שטייט „מתתיהו בן יוחנן" ווייל מתתיהו האט מתקן געוועזן מיט דעם נר חנוכה דעם חטא פון זיין פאטער יוחנן וואס ער האט ניט גע-גלייבט אין תורה שבעל פה וואס ווערט אנגערופען „נר מצוה":

„ויקרא יעקב לבניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים" (פרשת ויחי) יעקב האט גערופען צו זיינע זוהן און האט געזאגט זאמעלט זיך איין וועל איך אייך זאגען וואס עס וועט זיין מיט אייך אין די שפעטערע צייט. זאגט רש"י הקדוש אויף דעם „בקש לגלות להם את הקץ ונסתלקה ממנו השכינה" ער האט געוואלט זיי מגלה זיין דעם קץ הגאולה איז די שכינה פון איהם זיך אפגעטוהען, האט דער ריזינער געפרעגט עס איז דאך אגרויסע פלא מיט וואס האט דאס יעקב אבינו געזינדיגט וואס די שכינה האט זיך פון איהם אפגעטוהען אז ער האט געוואלט מגלה זיין צו זיינע זוהן די הייליגע שבטים דעם קץ? האט

ער

ער געענטפערט: אזוי עס שטייט אין פסוק (ישע׳) „אני ה׳ בעתה אחישנה״ איך גאט וועל זיין די צייט איילען די גאולה, פרעגט די גמרא (סנהדרין פ׳ חלק) ממה נפשך איז דאס אין די צייט הייסט דאך דאס נישט געאיילט, איז דאס ווייטער געאיילט הייסט דאך דאס נישט אין די צייט, ענטפערט די גמרא אזוי „זכו אחישנה לא זכו בעתה״ וועלען די ווערט זיין וועט די גאולה קומען געאיילט פאר די צייט, און אויב ניט, וועט די גאולה קומען אין די צייט. היינטושע זאלען מיר זעהן וועלכען קץ האט יעקב אבינו געוואלט מגלה זיין זיינע קינדער, דאס קען מען ניט זאגען דעם קץ פון „אחישנה״ געאיילט ווען אידען וועלען זוכה זיין, און דאס האט דאך ניט קיין בעשטימטע צייט, האט דאך יעקב ניט געקענט דאס וויסען, נאר אזוי ווי עס שטייט געשריבען „היום אם השמעו״ עס קען זיין היינט אויך אויב איהר וועט צו הערען, קען מען דאך ניט זאגען אז דעם קץ האט ער געמיינט, נאר מוז מען זאגען אז יעקב האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ פון „בעתה״ אין די צייט, איבער דעם איז שוין רעכטיג וואס די שכינה האט זיך פון איהם אפגעטוהען וויל דאס וועט דאך הייסען גערעדט ח״ו לשון הרע אויף די אידען אז זיי זענען ניט ווערט מען זאל זיי אויס לייזען פון גלות פאר די בעשטימטע צייט און זיי זענען ניט ראוי חלילה צו דעם קץ פון „אחישנה״ פאר די צייט:

„ויאמרו איש אל אחיו מן הוא כי לא ידעו מה הוא״ (פרשת בשלח) זיי האבען געזאגט איינער צו דעם אנדערען דאס איז „מן״ וויל זיי האבען ניט געוויסט וואס דאס איז, האט ער געפרעגט אז די אידען האבען ניט געוויסט וואס דאס איז האבען זיי דאס גערופען „מן״, זיי האבען דאך געברויכט דאס צו רופען „מה״ וואס, האט ער אזוי געענטפערט, עס איז פאר האנען צוויערליי מינים השפעות אויף די וועלט, איינס דורך דעם צדיק הדור וואס דורך זיין זכות ווערען אלע געהאלפען, און די דאזיגע השפעה קען הייסען „מה רב טובך אשר צפנת ליראך״ ווי פיעל איז דאס דיין גוטס וואס די בעהאלטסט פאר דיינע פארכדיגע, און די צווייטע השפעה וואס מען ווערט געהאלפען דורך אונזער איינענעם זכות, אז דאס דור איז אליין זוכה, און דאס קען הייסען „מה אדיר שמך בכל ארץ״ ווי שטארק איז דיין נאמען אין די גאנצע וועלט, על כן אז די אידען אין די מדבר האבען זוכה געווען צו די השפעה פון „מן״ האבען זיי ניט געוויסט אין וועמענס זכות דאס איז, צו בלויז אין זייער זכות וואס דאס הייסט „מה אדיר וגו׳״ אדער אין משה רבינו׳ס זכות וואס ער איז געווען דער צדיק הדור, הייסט דאס „מה רב טובך וגו׳״ האבען זיי ניט געוויסט וועלכען מה צו „מה רב טובך״ צו „מה אדיר״ איבער דעם האבען זיי דאס גערופען „מן״ וויל צוויי מאל „מה״ בעטרעפט אנקט ווי דאס ווארט מן״:

פתח

# לשבת שירה.

פתח ואמר הײַנט איז „שבת שירה" דער עיקר טעם פֿאַר וואָס אידען האָבען געזאָגט שירה בײַ דעם ים, איז ווײַל זײַ זענען צו געקומען צו די מדריגת פֿון אמונה שלימה בה' ובמשה עבדו, און ווען ניט דאָס וואָלטען זײַ ניט געזאָגט קײַן שירה תיכף בײַ דעם ים, וואָרום זײַ זענען דאָך שפּעטער געזעהן נאָך גרעסערע ניסים ווי קריעת ים סוף, נאָר מוז מען זאָגען אַז זײַ האָבען געזאָגט שירה ווײַל זײַ זענען געקומען בײַ דעם ים צו די אמונה שלימה. איבער דעם שטײט אין פסוק „ויאמינו בה' ובמשה עבדו אז ישיר וגו'" זײַ האָבען געגלײבט אין גאָט און אין משה'ן זײַן קנעכט דאַמאָלס האָבען זײַ געזאָגט שירה דורך דעם וואָס זײַ זענען געקומען צו אמונה שלימה זענען זײַ געװען ביכולת צו זאָגען שירה, אין יעצט וועט שוין זײַן רעכטיג דאָס אויך דער טעם פֿאַר וואָס האָבען אלי' און אלישע ניט געזאָגט קײַן שירה ווען זײַ זענען אויך אַדורך געגאַנגען דעם ירדן אויף טרוקען און אויך ר' פנחס בן יאיר ווען ער איז אַדורך געגאַנגען דעם טײַך „גינאי" אויך אין טריקעניש האָט ער ניט געזאָגט קײַן שירה אויף דעם „נס", איז דורך דעם ווײַל זײַ זענען געװען צדיקים און געהאַט די אמונה שלימה פריער אויך און זײַ זענען גאָר ניט נתפעל געוואָרען דורך דעם נס זײַ זאָלען קענען זאָגען שירה, אָבער די אידען בײַ דעם נס פֿון קריעת ים סוף זענען זײַ יעצט צו געקומען צו די מדריגת פֿון אמונה שלימה, איבער דעם האָבען זײַ געוואָלט און אויך געמוזט זאָגען שירה, און אויך משה רבינו ווײַל ער האָט זײַ געבּרענגט און געװען דער גורם פֿון דעם אַז די אידען זאָלען קומען צו די מדריגה פֿון אמונה שלימה דורך דעם האָט משה רבינו אויך געקענט זאָגען מיט זײַ שירה:

אַ טעם צו דעם מנהג און שבת שירה צו געבען קאַשע די פֿײגעלעך האָט ער געזאָגט אויף דעם אַ משל. עס איז געװען אַגרויסער מלך, וואָס האָט געהאַט זעהר פֿיעל פּאַלעהען און בעזונדער פֿאַר זײַנע גרויסע לײַטאָט ער אויך געהאַט אַנדערע פּאַלאַצען יערען נאָך זײַן כבוד נאָך, און דער מלך אַלײן האָט געהאַט גאָר אַ בעזונדערען פּאַלאַץ וואָס ער איז דאָרטען אַלײן געזיצען נאָר אײן פֿײגעלע איז דאָרטען געװען מיט איהם, וואָס האָט געפּישצעט, און דער מלך האָט פֿון דעם זעהר הנאה געהאַט, און עס איז איהם ניט אײַנגעגאַנגען אין די אויערען די אַלע מוזיקען מיט כלי זמר וואָס עס האָט זיך דאָרטען געפֿינען פֿאַר דעם פּישצען פֿון דעם קלײנעם פֿײגעלע. און דאָס נמשל איז אַזוי, די אידען זענען געגלעכענט צו אַ פֿויגעל אַזוי ווי עס שטײט אין פסוק „גם צפור מצאה בית" אויך דער פֿויגעל האָט געפֿינען אַ הויז און בשעת יציאת מצרים און קריעת ים סוף האָבען די מלאכים און שרפים געוואָלט זאָגען שירה פֿאַר הקב"ה האָט

האָט זיי גאָט געהייסען שווייגען, און ער האָט בעסער צו געהערט די שירה פון דעם קליינעם פויגעלע די אידען, און דאָס איז דער רמז וואָס מען גיט קאַשע די פייגעל אין שבת שירה:

וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק (פרשת יתרו) דאָס פאָלק האָט געזעהן די מופתים ביי דעם הר סני זענען זיי פערציטערט געוואָרען און זיך געשטעלט פון דער ווייטענס. האָט ער געפרעגט הקדוש ברוך הוא איז דאָך מלא כל הארץ כבודו, עס געפינט זיך ניט קיין אָרט וואָס גאָט ברוך הוא זאָל ניט זיין דאָרט, און וואָס איז שייך צו זאָגען „ויעמדו מרחוק" אַז די אידען האָבען זיך אוועק געשטעלט פון דער ווייטענס. נאָר אַזוי איז דער פשט ווייל יעדער איד ברויך האָבען אמונה אין השם יתברך מצד הקבלה אַז עס געפינט זיך נאָר איין גאָט אויף די גאַנצע וועלט, און ברויך ניט וועלען זוכען צו דעם קיין מופתים און קיין צייכענס נאָר עס ברויך צו זיין די אמונה אין בורא עולם זעהר פעסט ביי זיך אָן שום ספק, און די מופתים זענען נאָר געמאַכט פאַר דעם וואָס ער איז מקטני אמנה ער וויל ניט גלייבען, הייַנט בשעת מתן תורה ווען השם יתברך האָט געוויזען זיין אחדות אלהות פאַר די אידען ביי דעם באַרג סני דורך מופתים און וואונדער האָבען די אידען פאַרשטאַנען אַז זיי האָבען נאָך ניט די אמת'ע אמונה אין גאָט ברוך הוא, איבער דעם ווייַזט זיי גאָט די מופתים, „וינועו" זענען דערציטערט געוואָרען פון דעם, און „ויעמדו מרחוק" זיי האָבען פאַרשטאַנען יעצט אַז זיי שטעהן נאָך פון דערווייטענס און זענען נאָך ניט צו געקומען צו די אמת'ע אמונה:

לא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו (פ' משפטים) דו זאָלסט ניט אויף געהן מיט שטאַפּלען אויף מיין מזבח עס זאָל ניט ווערען דורך דעם אויף געדעקט דיין שאַנדע. האָט ער געזאָגט דעם פשט, וואָרום אַז דאָס בית המקדש איז געוועזען איז ווען דער מענש האָט געזינדיגט האָט ער געברענגט אַשעפּסיל פאַר אַקרבן חטאת, און האָט דאָס מקריב געוועזען אויף דעם מזבח איז דאָס געוועזען זיין כפרה אויף זיינע זינד, און דער עיקר כפרה איז געוועזען וואָס דער מענש האָט זיך מתודה געוועזען און אויס געזאָגט זיין חטא פאַר דעם כהן וואָס האָט מקריב געוועזען זיין קרבן, און דער מענש האָט געהאַט חרטה אויף זיינע זינד, און איז געוואָרען ביי זיך זעהר שפל און נידריג ביי זיך אַז ער האָט עובר געוועזען אַעבירה, און הייַנט בעוה"ר מיר האָבען ניט קיין מזבח קיין קרבן און ניט קיין עבודה, זענען די תורה ותפלה במקום קרבן, על כן אַז דער איד געהט לערנען די תורה אָדער ער געהט מתפלל זיין וואָס דאָס איז גלייך ווי אַקרבן דאַרף ער צו ערשטען זיך גוט באַרעכענען זיינע מעשים און האָבען אויף זיי שטאַרק חרטה און בושה האָבען פאַר השם יתברך און זיין ביי זיך זעהר שפל און נידריג, און אויב ניט אַז דער מענש איז זיך דאָס ניט מיישב פריער איידער ער שטעלט זיך

מתפלל

מתפלל זיין, קומען צו איהם אלע מחשבות זרות פון די שלעכטע מעשים זיינע אין זיין רעיון ווען ער איז מתפלל און איהם מבלבל די תפלה, און ער קען נימ מתפלל זיין קיין תפלה זכה וברה, און דאס איז די כוונה פון דעם פסוק „ולא תעלה במעלות על מזבחי" דו זאלסט נימ אויף גייען צו מיין מזבח דאס מיינט מען די תפלה וואס זי איז במקום מזבח ווען דו שטעלסט דיך דאווענען זאלסטו ביי זיך נימ זיין גרויס, נאר דו זאלסט האבען חרטה אויף דיינע שלעכטע מעשים און זיין ביי זיך גאר נידריג פאר השם יתברך, ווען נימ זאגט ווייטער דער פסוק „אשר לא תגלה ערותך עליו" עס זאל נימ אנפלעקט ווערען אויף איהר דיין שאנדע, דאס איז די מחשבות זרות פון די שלעכטע מעשים דיינע וועלען דיך מבלבל זיין ווען דו וועסט מתפלל זיין, וועט דאס זיין פאר דיר א שאנדע:

ויקרא אל משה וידבר אליו וגו'. „אל"ף זעירא", די אל"ף פון דעם ווארט „ויקרא" איז אין די ספר-תורה געשריבען אקליינע אל"ף איז גלייך ווי עס וואלט גאר נימ געווען קיין אל"ף וואלט דאס ווארט געמאכט נאר „ויקר" און „ויקר" איז דאס לשון „קרי" טמא וואס דאס איז דערווייטערט פון השם יתברך, ווארום ווען דער מענש לערענט אדער איז מתפלל און נעמט זיך פון דעם נאות ער האלט זיך גרויס מיט דעם איז דאס טמא ווי „קרי" אזוי ווי די גמ-א זאגט (מסכת סוטה) „כל המתגאה כדוחק רגלי השכינה" ווער עס האלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער שטויסט פון זיך אוועק די שכינה הקדושה, דאס איז דער טייטש „ויקר" ווי דאס לשון „קרי" טמא איז דערווייטערט פון השם יתברך, אבער דער מענש וואס לערנט און דאווינט און איז ביי זיך שפל ער ווייסט זיין גראבקייט, און איז ביי זיך אמת צובראכען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים) „זבחי אלקים רוח נשברה" אקרבן פאר גאט איז אצובראכען געמיהט, איז דער מענש דורך דעם באהעפט אין השם יתברך, און השם יתברך איז זיך מצמצם און איז זיך מקרב צו דעם מענש און איז משפיע איהם כל טוב, און דאס מיינט מען „ויקרא אל משה" גאט רופט צו משה שטייט ויקרא מיט א אל"ף איז דער טייטש גערופען און זיך מקרב געווען צו משה רבינו, וויל ביי משה רבינו שטייט אין פסוק (פ' בהעלותך) „והאיש משה עניו מאד" אז משה רבינו איז געווען ביי זיך זעהר נידעריג, איז ער געווען באהעפט צו גאט, דאס מיינט מען די „אלף זעירא" די קליינע אל"ף פון ויקרא אז ער האלט זיך קליין מאכט דאס „ויקרא" גערופען און זיך באהעפט, אבער אז ער האלט זיך גרויס מאכט דאס נאר „ויקר" אהן א אל"ף איז דאס זעלבע לשון ווי דאס ווארט „קרי" טמא וואס איז דער ווייטערט פון השם יתברך, דורך דעם וואס ער האלט זיך א „יקר" ווערט דאס ווארט „יקר" איבערגעדרייט אויף דעם ווארט „קרי", וואס דאס איז טמא און דערווייטערט פון גאט, אזוי ווי עס שטייט געשריבען (משלי י"א) „ונרגן מפריד אל"ף" דער קריגם מאן מאכט אפשיידען און א דערווייטערט

דעם

דעם הערר און באשעפער פון די וועלט, און דאס זעלבע ענין איז געוועזן „עמלק" וואס עס שטייט ביי איהם אין די תורה (פ' תצא) „אשר קרך בדרך" ער האט דיך טייער געמאכט ביי זיך, ווי דאס לשון פון „יקר" ער עמלק האט אין זיי אריין געווארפען גדלות, און האט זיי איינגערעדט אז זיי זענען ביי אגרויסע מדריגה, און דער אמת זענען זיי געווען ביי די קליינע מדריגה פון „ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים" דו ביסט זעהר מיעדט געווארען און האסט קיין מורא נים פאר גאט, נאר עמלק האט אין אריין געווארפען גדלות, ע"כ ברויך א איד נים אזוי זיין, נאר ער ברויך זיין ביי זיך זעהר שפל, און זאל וויסען זיין גראבקייט אז ער איז משוקע אין תאוות עולם הזה, דאמאלס ווערט מקוים ווערען ביי איהם דער פסוק „זבחי אלקים רוח נשברה" גאטס קרבן איז אצובראכען געמיטה, וועט ער זיין באהעפט צו השם יתברך און השם יתברך וועט זיך מצמצם זיין און וועט איהם משפיע זיין פון כל טוב:

„וידבר ה' אל משה לאמר": „צו את אהרן וגו' „זאת תורת העולה וגו'" גאט האט גערעדט צו משה אזוי צו זאגען, זאלסט געביטען אהרן'ען, דאס איז דאס לערנען פון א קרבן עולה, זאגט רש"י הקדוש „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס", מעהר ברויכט דער פסוק צו ווארנען ווי עס איז דא אהיזק געלד. האט ער געזאגט פשט אזוי, דער קרבן עולה האט דאך מכפר געווען אויף הרהור חלב אויף די שלעכטע מחשבות פון מענש, חאטש עס איז דאך זיי שוועהר אפ צו היטען פון אשלעכטען געדאנק, פון דעסטוועגען ווען אמענש איז מתקן זיינע שלעכטע מדות און געהט נים נאך די שלעכטע תאוות זיינע, ממילא העלפט איהם השם יתברך ער זאל קיין שלעכטע געדאנקען אויך נים האבען, און דאס ווארט „כים" אבייטעל איז דאך אגאמען פון א כלי און דאס ווארט „גוף" מיט דעם כולל באטרעפט פונקט ווי דאס ווארט „כים" איז „כים" דער טייטש אזוי ווי „גו"ף", דאס זאגט רש"י הקדוש ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כים, מעהר ברויך מען ווארינען דעם מענש וואס ער ברענגט אקרבן עולה וואס דאס איז א כפרה אויף די שלעכטע געדאנקען זיינע „במקום שיש חסרון כיס" ווען דער מענש האט אין זיך אחסרון „כים" אין גוף, אז דער גוף זיינער איז נאך נים מתוקן ער זאל נים טוהען קיין תאוות רעות, איז דעם מענש שוועהרער אפ צו היטען זיך פון שלעכטע געדאנקען, אבער דער מענש וואס האט שוין מתקן געווען זיינע מדות און געהט נים נאך די תאוות עולם הזה, איז איהם ממילא גרינגער און איך השם יתברך העלפט איהם ער זאל נים האבען אויך קיין שלעכטע געדאנקען.

# בדיקת חמץ

היינט ביי נאכט, איז מען נאר בודק דאס חמין, און צו מארגענס פאברענט

פֿאַרבּרענגט מען יעצט דאָס חמץ, ווײַל בלילה בּײַנאַכט אויף דעם גלות וואָס ווערט אָנגערופֿען „לילה" פֿינסטער קענען מיר נאָך נישט אויסרויטען און פֿאַרבּרענען דאָס „חמץ" געמיינהייטען און עס מוז עפּעס נאָך איבּער בּלײַבּען, אָבּער „ביום" ווען עס איז טאָג דאָס ווען עס וועט זײַן די גאולה שלימה בב"א וועט מען פֿאַרבּרענען דאָס „חמץ" און עס וועט גאָר ניט איבּער בּלײַבּען קײַן שום שלעכטץ און געמיינקייט, און עס וועט מקויים ווערען דער פּסוק (ישעיהו) „בלע המות לנצח ומחה דמעה מעל כל פנים" דער טויט וועט זיך אויס לאָזען אויף אייבּיג און די טרעהרען פֿון מענש וועלען אָבּגעוואַשען ווערען:

# ליל שביעי של פסח

קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף (פסחים קי"ח ע"א) די מזונות פון דעם מענש זענען אַזוי שווער ווי דאָס נס פֿון קריעת ים סוף, האָט ער געפֿרעגט ווי אַזוי קען מען זאָגען אַז צו הקדוש ברוך הוא איז שווער צו געבּען פרנסה דעם מענש, נאָר דער תירוץ אויף דעם איז אַזוי, עס שטייט אין מסכת אבות (פרק ו') „כל מה שברא הקב"ה לא ברא אלא לכבודו שנאמר (ישעיה) כל הנקרא לשמי לכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו" אַלײַס וואָס הקדוש ברוך הוא האָט בּעשאַפֿען איז נאָר צו־ ליעב זײַן כבוד ווענען, איז דער מענש נאָר בּעשאַפֿען געוואָרען צו טוהען השם יתברך'ס רצון, און ווען אפילו די אידען זענען ח"ו אין עת צרה בּרויכען זיי נאָר מתפלל זײַן אויף דעם צער השכינה ווײַל עס שטייט דאָך (תהילים) בצרתם לו צר, ווען די אידען איז שלעכט האָט די שכינה אויך צער, און אפילו אַ צרה פֿון אַיחיד האָט אויך די שכינה צער. „הקב"ה אומר קלני מראשי קלני מזרועי", טוהט הקדוש ברוך הוא זאָגען אוי מײַן קאָפּ אוי מײַן האַנד, און בײַ קריאת ים סוף שטייט אין די תורה „ופרעה הקריב וישאו בני ישראל את עיניהם והנה מצרים נוסע אחריהם ויצעקו בני ישראל אל ה'" ווען פרעה איז געקומען ניהענטער, האָבּען די אידען אויף געהויבּען זייערע אויגען און דערזעהן אַז די מצרים יאָגען זיי נאָך, האָבּען זיי אָנגעהויבּען צו שרײַען צו גאָט, איז דאָך זייער שרײַען נאָר געווען ווײַל זיי האָבּען מורא געהאַט פֿאַר די מצרים, און זיי האָט ניט געאַרט דער צער פֿון די שכינה, גאָר זיי האָבּען געשריגען פֿאַר זייער לעבּען ניט פֿאַר דעם גלות השכינה, איבּער דעם האָט זיי משה רבינו גע־ ענטפֿערט „התיצבו וראו את ישועת ה'" שטעלט זיך און זעהט די ישועה פֿון גאָט, דער עיקר בּרויכט איהר שרײַען, און איהר זאָלט זײַן, אַז גאָט זאָל האָבּען די ישועה די שכינה זאָל ניט זײַן אין גלות, און דאַמאָלס וועט „ה' ילחם לכם" וועט גאָט פֿאַר אײַך מלחמה האַלטען און משנה זײַן די טבע און איהר וועט געהאָלפֿען ווערן נסים, אָבּער משה רבינו וואָס ער

ער איז געוועזן דער צדיק אמיתי, האט ער נאר מתפלל געוועזן אויף גלות השכינה, איבער דעם זאגט דער פסוק ווייטער „ויאמר ה' אל משה מה תצעק אלי" גאט האט געזאגט צו משה „מה תצעק אלי" וואס דו שרייעסט צו ליעב מיר ווייל די שכינה איז אין גלות דורך דעם זכות וואס דו בּיסט נאר מתפלל צו ליעב מיין צער „דבר אל בני ישראל ויסעו" זאג די אידען זיי זאלען פאהרען ווייטער איך וועל זיי העלפען אזוי ווי ווייטער שטייט. יעצט איז שוין רעכטיג וואס די גמרא זאגט (פסחים קי"ח ע"א) „קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" ווארום באמת איז השם יתברך א „נותן לחם לכל בשר" גיט פרנסה יעדען מענש, נאר אז דער מענש זאגט אבער ווי עס שטייט (סוף מ' קידושין) „הריעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי" איך האב ניט גוט געטוהען האב איך ניט דורך דעם קיין פרנסה, און דער עיקר ברויך דער מענש נאר מתפלל זיין אויף דעם צער פון די שכינה, איז דאס גלייך צו קריעת ים סוף, און ווען דער מענש איז נאר מתפלל צו ליעב דעם צער פון די שכינה ניט פאר זיך דעם מענש העלפט טאקי השם יתברך:

אחרי מות שני בני אהרן וגו' ואל יבוא בכל עת אל הקדש (פרשת אחרי) נאך דעם ווי די ביידע זיהן פון אהרן הכהן זענען געשטארבען האט גאט געזאגט צו משה'ן ער זאל זאגען זיין ברידער אהרן ער זאל ניט אפט אריין קומען אין ק"ק נאר מיט א „פר לעולה" וגו', האט ער געזאגט אזוי עס איז דאך ידוע אז עס געפינט זיך כ"ח עתים (קהלת) אכטענצוואנציג צייטען, פערצעהן גוטע צייטען און פערצעהן שלעכטע צייטען און אויב עס קומט אויף א מענש א צייט פון די פערצעהן שלעכטע צייטען וואס שלמה המלך רעכענט זיי אוים אין זיין ספר קהלת זאל דער מענש ניט האבען קיין תרעומות אויף השי"ת, פאר וואס ער האט איהם געגעבען די יסורים, נאר ער ברויך האבען אמונה אין השם יתברך אז דאס אלעס איז פאר איהם לטובה „דכל מה דעביד רחמנא לטב עביד" אלעס איז פון גאט צו גוטען, און ברויך מקבל זיין באהבה די יסורים און דאס מיינט דער פסוק „אחרי מות שני בני אהרן" דערנאך ווי אהרן'ם קינדער זענען געשטארבען און אהרן איז געוועזן בצער דאמאלס האט גאט געזאגט צו משה ער זאל זאגען אהרנ'ין „ואל יבוא בכל עת" ער זאל ניט קומען מיט יעדע שלעכטע צייט „אל הקדש" פאר השם יתברך מתפלל צו זיין אויף די שלעכטע צייט, נאר „בזאת" מיט דעם מיט יעדע צייט צו גוט צו שלעכט „יבוא אל הקדש" זאל ער קומען צו השם יתברך מתפלל זיין ניט ווען נאר עס וועט איהם שלעכט זיין, נאר דער מענש דארף תמיד מתפלל זיין צו השם יתברך עס זאל זיין באמת נאר גוט:

כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם ושבתה הארץ שבת להי (בהר) ווען איהר וועט אריין קומען קיין ארץ ישראל וואס איך וועל

איידך

איך געבען, זאל דאס לאנד רוהען ארוהונג פאר גאט וועגען, האט ער אזוי געזאגט, כי תבואו אל הארץ" אז גאט וועט דיר משפיע זיין די טובות פון דעם לאנד פון די וועלט זאכען „אשר אני נותן לכם" ברויך דער מענש וויסען און מאמין זיין אז דאס אלעס איז פון השי"ת אז גאט האט איהם דאס געגעבען, און דער מענש זאל ח"ו ניט זאגען „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה" דורך מיין כח און מיין פעהיגקייט האב איך געמאכט דאס דאזיגע פערמעגען, און דער מענש ברויך טוהען מיט זיין פערמעגען נאר מצות ומעשים טובים דאס זאגט דער פסוק ווייטער „ושבתה הארץ שבת לה'" שבת איז דער טייטש ווידער קעהרען ער זאל דאס ווידער קעהרען צו השם יתברך ער זאל מיט דעם עובד זיין צו גאט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה) „כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו" אלעס האט נאר גאט געמאכט און בעשאפען פאר זיין כבוד וועגען, עס זאל געמעהרט ווערען כבוד שמים, על כן זאל דער מענש מיט זיין עשירות ניט טוהען ח"ו קעגען דעם רצון פון בורא עולם נאר מצות ומעשים טובים וועט דאס ווערען אנגערופען „שבת לה'" ארוהונג צו גאט כביכול:

וישא בלעם את עיניו וירא ישראל שוכן לשבטיו (פרשת בלק) בלעם האט אויף געהויבען זיינע אויגען האט ער געזעהן אז די אידען רוהען יעדער אין זיין שבט בעזונדער. זאגט רש"י הקדוש „ראה שאין פתחיהם מכוונים זה כנגד זה" ער האט געזעהן אז זייערע פתחים די טהירען זענען ניט איינס קעגען אנדערען, האט ער געזאגט אזוי „פתוחי הייסט הרטה געהאט אזוי ווי עס שטייט ביי א נדר „פתח חרטה" אטהיר צו חרטה האבען אויף דעם נדר, אזוי אויך איז דא דער טייטש „פתחיהם" זייערע טיהרען פון חרטה האבען, איז דער פשט אזוי „ראה שאין פתחיהם מכוונים זה כנגד זה" בלעם האט געזעהן ביי די אידען אז זייערע חרטות און קנאה איינער אויף דעם אנדערען זענען ניט גלייך וויל יעדער איד האט נאר אנדערע מעלות וואס עס געפינט זיך ניט ביי דעם צווייטען ממילא איז יעדער מקנא די מעלה פון דעם צווייטען און האט חרטה פאר וואס די מעלה געפינט זיך ניט ביי איהם אויך און ביי דעם גאנצען כלל ישראל געפינט זיך אלע מעלות איינער האט די מעלה און דער צווייטער האט נאר א אנדערע מעלה און איינער דעם צווייטען איז מקנא, דאס מיינט רש"י הקדוש „ראה שאין פתחיהם מכוונים זה כנגד זה":

אלה מסעי בני ישראל וגו' ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם, ואלה מסעיהם למוצאיהם (פרשת מסעי). האט ער געפרעגט פאר וואס פריער שטייט „מוצאיהם למסעיהם" און דער נאך שטייט פערקעהרט „מסעיהם למוצאיהם" נאר דער תירוץ איז אזוי, דאס איז ידוע אז וויא און ווי עס שטייט אין פסוק דאס ווארט „אלה" די דאזיגע „פוסל את הראשונים" פסול'ט אין די ערשטע, איז דער טייטש נאר די דאזיגע און נישט

מיט די ערשטע, און ווי עס שטייט אבער דאס ווארט „ואלה" און די דאזיגע, איז דאס „מוסיף על הראשונים" איז דאס מוסיף אויף די ערשטע און די ערשטע אויך. און דאס איז דער פשט אין דעם פסוק „אלה" אויב דער מענש איז זיך נוהג אזוי ווי דער טייטש פון דעם ווארט „אלה" ער פסיל'ט די ערשטע, דאס מיינט מען אז ער זאגט אז זיינע מעשים די ערשטע וואס ער האט געטוהען זענען שלעכט און זענען מיט חסרונות, און איז זיך מיישב אז פון יעצט אן זאל ער שוין דאס ניט טוהען מעהר נאר ער זאל טוהען נאר דעם רצון פון אייבערשטען, זאגט ווייטער דער פסוק „מסעי בני ישראל" אזוי דארפען זיך נוהג אלע אידען און תמיד זיך בערעכענען צו זיינע מעשים זענען דער רצון פון גאט, און אויב ער איז זיך אזוי נוהג, זאגט דער פסוק ווייטער „ויכתוב משה" שרייבט משה דאס איז דער צדיק הדור וואס ער איז בבחינת משה רבינו „את מוצאיהם" די אויסגעצויגענע מעשים די שלעכטע מעשים וואס זענען אויס געצויגען פון רעכענונג שרייבט דער צדיק הדור זיי אויך אויף „למסעיהם" צו די גוטע מעשים זיינע און איז זיי מתקן און זיי ווערען אויך גוט, זאגט ווייטער דער פסוק אבער „ואלה" אז דער מענש איז זיך נוהג ווי דער טייטש איז דאס ווארט „ואלה" ער איז מוסיף אויף די ערשטע מעשים און ער האט גאר ניט קיין חרטה אויף זיינע שלעכטע מעשים, זאגט דער פסוק אז ביי דעם מענש ווערט פערקעהרט „מסעיהם למוצאיהם" פון זיינע גוטע מעשים ווערען אויך שלעכטע אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה) „כל צדקותיו אשר עשה לא תזכרנה" זיינע אלע צדקות וואס ער האט געטוהען ווערען ניט דערמאנט:

והיה עקב תשמעון (פ' עקב) האט ער אזוי געזאגט דער מענש ווען ער איז אין די יונגע יאהרען ברויך ער דינען דעם אייבערשטען מיט יראה מיט מורא און ער ברויך זיין ביי זיך צובראכען און געפאלען, וויל אין די יוגענד איז די נאטור ביי דעם מענש זעהר היציג און איז נוטה נאך תאוות, איבער דעם אז ער וועט ארומגעהן בשמחה קען ער ח"ו נמשך ווערען נאך די תאוות רעות, איבער דעם שטייט „זבחי אלהים רוח נשברה" צו דינען גאט מיט אצובראכען געמיטה, אזוי ארום וועט ער ניט אריין פאלען אין תאוות אריין חלילה, אבער ווען דער מענש קומט שוין אויף די עלטער און די תאוות געהן איהם פון דאמאלס שוין אוועק און די נאטור איז שוין ביי איהם קאלט קען ער דאך אמאל אריין פאלען אין עצבות אריין און ה"ו ווערען מרה שחורה'דיג, דאמאלס איז פערקעהרט דארף דער מענש זיך שטארקען און דיינען דעם אייבערשטען נאר מיט שמחה, פרייליך זיין, און דאס איז דער טייטש אין פסוק „והי' עקב תשמעון" „והי'" איז דער טייטש דאס לשון שמחה פרייליך „עקב" איז דער סוף צום סוף יאהרען פון מענש, „תשמעון" זאל ער צו הערען און דינען גאט מיט שמחה ובאהבה:

כי

# ראש השנה

„כי אתה זוכר כל הנשכחות ואין שכחה לפני כסא כבודך", האָט ער געפֿרעגט פֿריער שטייט „זוכר כל הנשכחות" דער אייבערשטער גע־דענקט אַלע פֿערגעסענע זאַכען ווייזט דאָך אוים אַז עס קען יאָ זיין שכחה חלילה ביי איהם, און דער נאָך שטייט „ואין שכחה" אַז ער פֿערגעסט נים, נאָר דער פשט איז דאָ אַזוי השם יתברך פֿיהרט זיך מיט דעם מענש ניי ער טהוט אַמצוה אָדער ח"ו אַ עבירה מדה כנגד מדה אויב דער מענש פֿאַר געסט, געדענקט דאָס דער אייבערשטער, און אויב דער מענש געדענקט יאָ מאַכט זיך דער אייבערשטער ווי פֿאַרגעסען, ווען דער מענש איז עובר אַ עבירה חלילה און ער פֿערגעסט צו טוהן תשובה אויף דעם, און ער איז נישט מקיים „וחטאתי נגדי תמיד" מיין זינד שטעהט מיר פֿאַר די אויגען תמיד, נאָר ער געדענקט גאָר נישט אַז ער האָט גע־זינדיגט, דאַמאָלס געדענקט השם יתברך זיין עבירה, און ער ווערט גע־שטראָפֿט פֿון גאָט, אַזוי ווי עס שטייט „וכל מעשיך בספר נכתבים" דיינע מעשים זענען פֿאַרשריבען און ווערען נים פֿערגעסען, און להיפוך ביי אַמצוה ווען דער מענש האָט געטוהען אַמצוה און פֿערגעסט, און בעהט ביי השם יתברך ער זאָל איהם העלפֿען און טוהען מיט איהם אַ מתנת חנם ווייל ער פֿערמאָגט גאָר נים קיין מעשים טובים, דאַמאָלס געדענקט איהם השם יתברך זיינע מעשים טובים און העלפֿט איהם, נאָר ווי ווייטער אַז דער מענש געדענקט יאָ זיינע עבירות און האָט אויף זיי חרטה תמיד און טוהט תשובה, דאַמאָלס מאַכט זיך דער רבונו של עולם פֿאַרגעסען און געדענקט גאָר נים דעם מענש זיינע עבירות, און איז איהם מוחל, און ווייטער להיפוך ווען דער מענש איז מקיים אַמצוה און געדענקט די שטענדיג און בעריהמט זיך מיט די מצוה וואָס ער האָט געטוהען און האַלט זיך גרויס מיט דעם דאַמאָלס מאַכט זיך גאָט ווי פֿערגעסען און כביכול געדענקט גאָר נים זיינע מעשים טובים, דאָס זעלבע זאָגען מיר אין ראש השנה „כי אתה זוכר כל הנשכחות" דו גאָט געדענקסט אַלע פֿערגעסענע זאַכען פֿון מענש וואָס דער מענש פֿאַרגעסט געדענקט גאָט סיי מצות און סיי עבירות חלילה ווי אויבען איז געזאָגט:

די מעשה איז געוועזן ביי דעם ריזינערם אַזוהן דער צדיק הר' אברהם יעקב מסאדיגורע זצ"ל עס איז געקומען פֿאַר איהם איינער אַחסיד פֿון רוסלאַנד, און ער האָט געוואָלט פֿרעגען דעם צדיק וועגען פֿערשידענע זאַכען פֿון זיין מסחר, און האָט זיך מסדר געוועזן פֿריער וואָס איהם צו פֿרעגען ער זאָל איהם געבען אַעצה טובה וואָס ער האָט צו טוהען מיט זיינע געשעפֿטען, און אַז דער מענש איז אריין גע־גאַנגען צו איהם מיט דעם קוויטעל און אפדיון אין די האַנד, און ווי ער האָט איבערגעטרעטען די שוועל פֿון דעם חדר ווי דער צדיק איז גע־

זעסען

זעסען, האט ער פערגעסען אלעס וואס ער האט געוואלט רײדען און האט זיך שוין געהאט מסדר געווען פריער, און האט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאנען קיין איין ווארט פון דעם אלעם וואס ער ברויך צו רײדען מיט דעם הײליגען צדיק, איז ער צוריק ארויס געגאנגען פון דעם צדיק׳ס צימער, האט ער זיך יעצט דערמאנט. איז ער נאך אמאל אריין געגאנגען צום צדיק איבער צו שמועסען די דאזיגע זאכען, און ווי ער איז נאר אריין געקומען האט ער ווייטער פארגעסען און האט ניט גע-האט וואס צו רײדען, אזוי איז געווען ביז צום דריטען מאל האט ער אויך פארגעסען וואס ער ברויך צו פרעגען, נאר דאס האט ער געדענקט אז ער ברויך עפעס צו רײדען נאר ער האט ניט געדענקט וואס, האט ער זיך געשטארקט און ער האט זיך מיישב געווען און האט דאס פארגעלייגט פאר דעם צדיק, דאס ער האט זעהר נייטיגע זאכען פון מסחר זיינעם צו רײדען, נאר ער פארגעסט יעדעס מאל ווען ער קומט אריין:

האט איהם דער צדיק אויף דעם אזוי געענטפערט, עס זאל ביי דיר דאס ניט זיין קיין פלא פאר וואס דו פערגעסט יעדעס מאהל ווען די קומסט אריין צו מיר. מיר געפינען אין די גמרא (יומא) אז ווען דער כהן הגדול איז געקומען אין קדשי קדשים אריין אין יום כיפור האט ער מתפלל געווען דער נאך אז ער האט שוין געהאט אלעס אפגעטוהען וואס ער האט געברויכט דארטען טוהען „אתפלה קצרה" פאר אידען׳ס וועגען. איז דאך דאס אגרויסע פלא אז דער כהן הגדול דער גרעסטער הײליגער מענש פון אלע אידען איז אריין געקומען אין יום כיפור דער גרעסטער הײליגער טאג פון אגאנץ יאהר, אין קדשי קדשים דאס גרעסטע הײליגע ארט פון די גאנצע וועלט, האט ער גאר מתפלל געווען פאר אידען אקורצע תפלה, אמעהר דער כהן גדול האט דאך דאמאלס אין דעם הײליגען ארט געברויכט אויס צו גיסען גאר זיין גאנץ הארץ און דעם גאנצען כח זיינעם אנצווענדען און מאריך צו זיין אין די תפלה פאר אידענס וועגען, און ניט ווי ער האט געטוהען און האט גאר מקצר גע-ווען און נאר געזאגט עטליכע ווערטער פאר אידענס וועגען וואס זיי ברויכען אזוי פיעל צו האבען? נאר דער תירוץ איז אזוי אז דער כהן גדול ווען ער איז אריין געקומען אין אזא הײליג ארט ווי דאס קדשי קדשים וואס די שכינה האט דארטען גערוהט איבער דעם האט ער גע-מוזט פאר געסען פון אלע גשמות זאכען פון די וועלט און די גאנצע עולם הזה האט ביי איהם קיין שום ווערט ניט געהאט, נאר ווען ער האט אנ-געהויבען ארויס צו געהן פון קדשי קדשים איז ער שוין געווארען אביסעל דערווייטערט פון די שכינה הקדושה האט ער זיך אביסעל דערמאנט פון די וועלט אויך האט ער מתפלל געווען עטליכע ווערטער פאר די וועלט זאכען איבער דעם שטייט דאס לשון „וביציאתו" הי׳ מתפלל תפלה קצרה" ביי זיין ארויס געהן פון דארט האט ער מתפלל געווען אתפלה

קצרה

קצרה אָבער פריער איז גאָר ניט שייך געווען מתפלל צו זיין אויף די וועלט זאַכען, נאָר אַז ער איז שוין אָנגעהויבען אַרוים צו געהן האָט ער יעצט פערשטאַנען אַז די וועלט ברויך מען אויך האָבען דורך דעם האָט ער מתפלל געווען נאָר אַקורצע תפלה ווייל די וועלט איז ניט דער עיקר נאָר אַ טפל האָט ער איבער דעם מקצר געווען. אַזוי אויך איז דאָס וועלכע ווען מען קומט אַריין צו דעם צדיק דער קוואל פון די קדושה פערגעסט מען אַלע זאַכען פון די וועלט, און ארמז צו דעם געפינען מיר אין מגילת אסתר „ובבואה לפני המלך לא בקשה דבר" ווען זי איז געקומען אַריין פאַר דעם מלך האָט זי גאָר ניט פערלאַנגט, דאָס מיינט מען ווען מען קומט פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא איז „לא בקשה דבר" פערלאַנגט מען גאָר ניט קיין שום זאַך פון די וועלט, ווייל דאַמאָלס האָט די וועלט מיט אַלע זאַכען גאָר קיין שום ווערדע:

דער ריזינער האָט אַמאָל געזאָגט אַז מען דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם בערדיטשובער צדיק, אין זיין זכות קען מען שוין גע־האָלפען ווערען, און זיין זוהן דער צדיק מסאדיגוריא האָט מוסיף געווען אַז אפילו מען דערמאַנט נאָר דעם נאָמען פון דער שטאָט „בערדיטשוב" קען מען געהאָלפען ווערען און האָט זיך געברענגט אראי׳ פון די גמרא (יומא פ"ג מ׳ א׳) „הרואה אומר ברקאי וכו׳ עד שבחברון והוא אומר הן", מען האָט געפרעגט דעם זעהער צי עס איז שוין ליכטיג דער הימעל ביז דער שטאָדט חברון האָט ער געזאָגט יאָ איז מען דער נאָך געגאַנגען מקריב זיין אין בית המקדש דעם קרבן התמיד, זאָגט רש"י הקדוש פאַר וואָס שטייט דאָ דערמאַנט די שטאָדט חברון נאָר כדי צו דער מאַנען זכות אבות וואָס זיי ליגען אין די שטאָדט חברון, די מערת המכפילה איז דאָך אין די שטאָדט חברון, זעהט מען דאָך אַז מען האָט נאָר דער מאָנט דעם נאָמען פון די שטאָדט חברון ווי די אבות אונזערע ליגען דאָרט איז שוין גענוג אַז מען זאָל גע־דענקען אונז זייער זכות, אַזוי אויך ווען מען דערמאַנט נאָר דעם נאָמען פון די שטאָדט בערדיטשוב ווי עס ליגט דער הייליגער צדיק הר׳ לוי יצחק מבערדיטשוב זצ"ל זי"ע קען מען שוין אין זיין זכות געהאָלפען ווערען און מיר זאָלען זוכה זיין אין זיין זכות צו אַגאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

דער צדיק הגאון הר׳ מאיר ליבוש מלבים זצ"ל איז אַמאָל געווען ביי דעם ריזינערס זוהן דער צדיק מסאדיגוריע האָבען זיי גערעדט פון דעם תוספות יום טוב אין מסכת שבועות, ברענגט דאָרטען דער תוי"ט אַז עס האָט איהם געפרעגט אַ אפיקורס אַקשיא, ווי אַזוי גלייבט איהר אַז דאָס בית המקדש וועט אויף געבויערט ווערען ווען משיח וועט קומען, עס שטייט דאָך בפירוש אין פסוק „גדול יהי׳ כבוד הבית האחרון מן הראשון" אַז דאָס לעצטע בית המקדש וועט גרעסער זיין פון דעם ערשטען,

דאָס

דאָס מיינט מען דאָס צווייטע בית המקדש וואָס איז חרוב געוואָרען, זעהט מען דאָך אַז דאָס צווייטע בית המקדש רופט דער פסוק „האחרון" דאָס לעצטע, ווייזט דאָך אוים פון פסוק אַז מעהר וועט שוין דאָס בית המקדש חלילה ניט אויף געבויערט ווערען ? האָט איהם דער תוי"ט געענט־פערט אַז דאָס וואָרט „האחרון" איז ניט דאָ דער טייטש דאָס לעצטע אַז מעהר וועט שוין ניט זיין, נאָר קעגען ערשטען בית המקדש הייסט דאָס צווייטע בית המקדש „האחרון" וואָס וועט זיין דערנאָך, נאָך דעם ערשטען און ער ברענגט זיך אַראיה פון אַפסוק פון די תורה, „והיה אם לא יאמינו לקול האות הראשון והאמינו לקול האות האחרון והיה אם לא יאמינו גם לשני האותות האלה וגו' ולקחת מימי היאור", ווען גאָט האָט געשיקט משה רבינו צו פרעה'ן האָט ער איהם געהייסען מאַכען דאָרטען און געבען דריי צייכענס, אויב זיי וועלען ניט וועלען גלייבען ביי דעם ערשטען צייכען זאָל ער מאַכען דעם אַנדערען און אויב זיי וועלען ניט וועלען גלייבען צו ביידע צייכענס זאָל ער מאַכען דעם דריטען צייכען, זעהט מען דאָך אַז דער פסוק רופט דעם צווייטען צייכען „האחרון" חאָטש עס איז געווען נאָך אַדריטער צייכען ווייל קעגען דעם ערשטען הייסט דער צווייטער „האחרון", אַזוי אויך רופט דער פסוק דאָס צווייטע בית המקדש „האחרון" חאָטש עס וועט זיין נאָך אַדריטער בית המקדש נאָר קעגען דעם ערשטען הייסט דאָס צווייטע „האחרון". אַזוי האָט געענטפערט דער תוספות יום טוב דעם אפיקורס, און דער צדיק מסאדיגורי' האָט אויף דעם מוסיף געווען דעם פסוק פון די תורה „והיה לכם לאות על הבתים" פון די צייכענס וואָס משה רבינו האָט געמאַכט אין מצרים, איז אַראיה צו די בתים פון בית המקדש אַזוי ווי אויבען איז געשריבען:

דער גאון המפורסם ר' ראובן מאַדעס האָט געפרעגט דעם צדיק מסאדיגור פשט אין דעם מדרש פליאה אויף דעם פסוק שמע ישראל וגו' „שמע ע' רבתי ובת"י אחד ד' רבתי אותיות עד שמעיד רק על זכיותיהן של ישראל ולא על חובתן חוץ מעון שבועת שוא שמעיד גם לחובה", אין דעם וואָרט שמע שטייט אין די תורה געשריבען מיט אַגרויסע ע' און דעם וואָרט אחד שטייט געשריבען מיט אַגרויסע ד' מאַכט דאָס עד דאָס זאָגט עדות אויף די מצות פון די אידען און ניט אויף די עבירות, חוץ אויף די עבירה פון פאַלש שווערען זאָגט דאָס יא עדות. און די רייד פון דעם מדרש איז שווער צו פערשטעהן. האָט ער געענטפערט אַז דעם מדרש קען מען פערשטעהן מיט דעם פסוק „לא יקום עד אחד לכל עון ולכל חטאת" דרשית די גמרא „אבל קם הוא לשבועה", „לא יקום עד אחד" עס קען ניט אויף שטעהן דער עד פון דעם וואָרט אחד, און עדות זאָגען אויף די אידען „לכל עון ולכל חטאת" אַז זיי זינדיגען „אבל קם הוא לשבועה" אָבער צו עבירה פון אַפאַלשע שבועה

שטעהט יאָ אויף דער עד און זאָגט עדות, דאָס זעלבע ווי דער מדרש זאָגט:

דער צדיק ר׳ דוד מאָנזאָהן דער זוהן פון די צדיקה מרת ניטעלע ז״ל דעם ריזינערס אַטאָכטער, האָט איהם די מוטער דערציילט איינמאל איז זי אַריין געקומען צו איהר ברודער דער צדיק מסאַדיגוריע ווען ער האָט געגעסען מיטאָג, האָט זי איהם געטראָפען זיצען זעהר פאַרזאָרגט און גאר ניט געוואָלט טועם זיין פון דעם עסען, האָט זי איהם געפרעגט, מיין הייליגער ברידער איך בעט דיך זאָג מיר פאַר וואָס דו ביסט אַזוי פאַרזאָרגט האָט ער איהר געענטפערט עס איז גאָר ניט, און אַמינוט שפּעטער האָט זי דערהערט ווי ער גוט אַיאָחץ האָט זי איהם ווייטער געפרעגט, האָט ער ווייטער ניט געענטפערט, און דער נאָך ווי זי האָט נאָך אַמאָל געהערט פון איהם אַיאָחץ האָט זי איהם ניט געוואָלט אָפּלאָזען ביז ער זאָל איהר זאָגען וואָס זיין זאָרגען איז, האָט ער איהר געענטפערט, האָסטו דען ניט געהערט דעם מצב פון אונזערע ברידער די אידען פון רוסלאַנד, האָט זי זיך צו איהם אָנגערופען מיר דאַכט זיך אַז די יסורים זענען שוין פון חבלי משיח, האָט ער געענטפערט אמת טאַקע אַז מיט די יסורים קען מען שוין אָפּקומען פאַר חבלי משיח, נאָר אָבער וואָס קען מען טוהען, אַז ווען די יסורים דריקען זעהר צו און מען קען ניט אויס האַלטען, וואָס השם יתברך מיינט אַז מיט דעם זאָל שוין נעמען איין עק צו דעם גלות הייבען די אידען אָן זעהר צו שרייען צו גאָט אַז זיי קענען ניט אויס האַלטען, און הקדוש ברוך הוא וואָס ער איז מלא רחמים האָט אויף זיי רחמנות און מאַכט די יסורים גרינגער, דורך דעם ווערט דער קץ און די גאולה שלימה אויף געהאַלטען און אָבגעלייגט אויף שפּעטער:

דעם ריזינערס זוהן דער צדיק מסאַדיגוריע האָט דערציילט אַז דער פאָטער דער ריזינער האָט אַמאָל גערעדט פון זיך פון זיין מדריגה און האָט געזאָגט אַז ער איז דער נידריגער מענש פון אַלע מענשען, און דערנאָך האָט ער געזאָגט ווייטער בזה הלשון: די גאַנצע תורה איז נכלל אין דעם ספר בראשית, און דאָס ספר בראשית איז נכלל אין דעם ערשטען פסוק בראשית ברא וגו׳, און דער גאַנצער פסוק איז נכלל אין דעם וואָרט בראשית, און דאָס וואָרט בראשית איז נכלל אין דעם אות ב׳ פון וואָרט בראשית, און דאָס אות ב׳ איז נכלל אין די מיטעלסטע נקודה פון די ב׳ און איך בין דאָס די דאָזיגע נקודה, וואָרום דער צדיק הדור איז די נקודה פון די גאַנצע תורה:

דעם ריזינערס זוהן דער צדיק ר׳ נחום משטופענעשט האָט געזאָגט, פאַר וואָס די אידען ליידען אַזוי פיעל גלות, דאָס ענין פון דעם איז אַזוי, ווען אידען האָבען געזינדיגט און עס איז נגזר געוואָרען אויף זיי גלות, האָט הקדוש ברוך הוא גערופען צו דעם מלאך ס״מ ער זאָל

נעהמען

נעמען די אידען אין גלות אַריין אויף טויזענד יאָהר, האָט ער זיי ניט גע־
וואָלט נעמען, האָט איהם הקדוש ברוך הוא געפרעגט פאַר וואָס ער וויל
זיי ניט נעמען, האָט ער געענטפערט, איך האָב שוין געזעהן דעם סוף
פון פרעה'ן און נבוכדנצר'ן ווי אַ ביטערען סוף זיי האָבען געהאַט, האָט
איהם הקב"ה געענטפערט איך גיעב זיי דיר איבער אויף צוויי טויזענד
יאָהר, האָט ער אויך ניט געוואָלט, און דער נאָך אַז די אידען האָבען
ווייטער געזינדיגט, האָט הקב"ה גערופען צו דעם מלאך ס"מ ער זאָל די
אידען נעמען אין גלות אַריין, און דאָס וואָס ער האָט מורא ער זאָל ניט
איבער זיי געשטראָפט ווערען, זאָלסטו וויסען אַז איז פאַראַן אַזאַ יחוד
וואָס אין דעם ווענדט זיך אין גאַנצען די גאולה, און כל זמן מען וועט
ניט מיחד זיין דעם יחוד קען בשום אופן ניט זיין די גאולה, און דיר
וועל איך מוסר זיין דעם יחוד, און קיין שום מלאך און שרף וועט ניט
האָבען קיין רשות מגלה צו זיי דעם יחוד, נאָר ווען אַמענש אילוד אשה
וועט מייחד זיין דעם יחוד וועט קענען קומען די גאולה. און ווי דער
ס"מ האָט דאָס דערהערט איז ער געוואָרען כולא שמחה, און איז תיכף
מרוצה געוואָרען צו נעמען די אידען אין גלות אַריין, ווייל ער האָט גע־
רעכענט אַז אויף אַזאַ אופן וועלען די אידען ח"ו אייביג בלייבען ביי איהם
אין גלות, נאָר ווען עס איז אויף געשיינט דאָס ליכט פון דעם הייליגען
תנא ר' שמעון בן יוחאי מיט זיין חבריא האָבען זיי זיך אָנגעהויבען
משתדל צו זיין מקרב צו זיין די גאולה און דערגעהן דעם סוד פון
דעם יחוד, נאָר זיי האָבען ניט געקענט, איז דער נאָך געקומען דער האר"י
הקדוש און האָט אויך געוואָלט ברענגען די גאולה, האָט מען איהם
מודיע געווען מן השמים פון דעם סוד אַז מען ברויך מייחד זיין דעם
יחוד האָט זיך דער האר"י הקדוש פורש געווען פון די וועלט און פער־
ברענגט מיט גרויסע עבירות צו דערגעהן דעם יחוד, און האָט אויך ניט
געקענט, און דערווייל איז ער נסתלק געוואָרען, האָט דאָס איבער גע־
ענטפערט געוואָרען צו דעם בעל שם טוב, און פון בעל שם טוב צו אונ־
זער זיידען דער הייליגער מגיד הר' דוב בער ממעזריטש זצ"ל ער
איז געווען זעהר אַ הלש האָט ער אויך ניט געקענט עפּעס טוהען נאָר ער
האָט דאָס איבער געגעבען צו זיין זוהן דער צדיק הר' אברהם המלאך
און ער האָט אויך גאָר ניט געקענט אויף טוהען ביי דעם, ביז דאָס איז
איבער געענטפערט געוואָרען צו אונזער זיידע דער צדיק הר"ש
מפארבישט, אַז ער האָט געזעהן אַז אַזוי פיעל גרויסע צדיקים פאַר
איהם האָבען דאָס ניט געקענט, האָט ער זיך גענומען אויף אַ אַנדערען
דרך, דהיינו ער האָט זיך מסתיר געווען און האָט זיך מתלבש געווען
אין אַ לבוש פון כל מיני תענוגי עולם הזה און דברים גשמיים, און מען
זאָל אין איהם גאָר ניט דערקענען אַקדושה פון עבודה ביז אַזוי ווייט אַז
דעם בעל דבר זאָל דאַכטען אַז ער איז פון זיינע מענשען, האָט דער
בעל

בעל דבר פאר איהם נאר ניט געהיטען און האט איהם מגלה געווען אלע זיינע סודות, ביז ער האט פון איהם ארויס געקריגען אויך דעם סוד פון דעם יחוד, האט דער זיידע אנגעהויבען עוסק צו זיין אין דעם יחוד, און עס האט אויך שוין אנגעהויבען זיך מתנוצץ צו זיין די גאולה, און ווי דער ס"מ האט דאס דערשפירט האט ער זעהר מרעיש געווען ווער עס האט דאס מגלה געווען, און האט געפרעגט אלע מלאכים, און זיי האבען אויך ניט געוויסט ווער עס האט דאס אויס געזאגט, נאר אז ער איז געקומען צו דעם מלאך מט"ט האט ער פון איהם געלאכט און האט געזאגט צו איהם זעה אז אמענש איליד אשה האט פון דיר אליין אויסגענארט דעם יחוד, דאס האט ער געמיינט דעם זיידען, און ווי ער האט דאס דערהערט איז ער גלייך געקומען צו לויפען צום זיידען פאר וואס ער האט דאס געטוהען און האט געוואלט דעם זיידען ממית זיין, האט זיך דער זיידע א עצה געגעבען און איז געגאנגען אין גאס אריין און האט געקויפט א עוף פון א ערילת'ע און האט איהר מיט זיין הייליגע האנד געגעבען דאס געלד, און ווי דער ס"מ האט דאס געזעהן האט ער שוין ניט געגלייבט אויף דעם זיידען דאס ער זאל עוסק זיין אין דעם יחוד, פון דעסטוועגען האט דער ס"מ איבער געפרעגט דעם זיידען, האט איהם דער זיידע געענטפערט דו זעהסט דאך אליין אז איך בין אויך פון דיינע מענשען, און אז דו ווילסט אז אידען זאלען נאך זיין אין גלות מסתמא וויל איך אויך אזוי, און אז דער ס"מ האט ווייטער געזעהן אז די גאולה איז זיך מתנוצץ, איז ער ווייטער געקומען צום זיידען און האט צו איהם אזוי געזאגט, אויב דו וועסט מיר ניט אויס זאגען דעם אמת, זאג איך דיר אז איך וועל אוועק לאזען די גאנצע וועלט און וועל ניט עוסק זיין מעהר נאר ביי דיר, האט איהם דער זיידע געמוזט זאגען דעם אמת און איהם צו געזאגט אז ער וועט שוין מעהר אין דעם ניט עוסק זיין, נאר מיינע קינדער און יוצאי חלצי וועל איך זיי ממשיך זיין נשמות מתחת כסא הכבוד און זיי וועלען ניט קיין מורא האבען פאר דיר מיט זייער נשמה, נאר די גופים וועלען זיי מפקיר זיין מיום הולדם, איז דער נאך געווען אונזער פאטער דער ריזינער און יעצט אונז ברידער און אונזער דרך איז דאך ידוע אז אונז האבען מפקיר געווען אונזערע גופים:

מען האט פאר איהם איינמאל דער ציילט, אז דער בערדיטשובער איז איינמאל זיך נתעכב געווען פאר די תקיעות אין ראש השנה עטליכע שעה, און האט געזאגט אז דער שטן האט געמאכט א מחיצה של ברזל בין ישראל לאביהם שבשמים, האט ער געזאגט אז ער איז געגאנגען אין מקוה אריין און זיך טובל געווען, און האט פועל געווען אזוי וויים ער האט אומגעווארפען די מחיצה של ברזל, האט דער צדיק משטופענעשט געפרעגט די מענשען וואס זענען געשטאנען ביי איהם צו זיי געדענקען ניט אויב ביי זיין פאטער דער ריזינער האט זיך אויך

א מאל

אמאל זיך נתעכב געווען פאר די תקיעות האבען זיי געענטפערט, אז זיי האבען דאס קיין מאל ניט געהערט אז ער זאל זיך האבען נתעכב געווען פאר די תקיעות, האט ער אויף דעם געענטפערט אזוי, וואס איז דאס חידוש, ביי דעם בערדיטשובער ווען עס איז געקומען ר"ח אלול די ימי רצון האט ער שוין אנגעהויבען מוכיח צו זיין דעם עולם מיט דברי מוסר, אז מען זאל תשובה טוהען איידער עס קומט אן דער יום הדין, האט תיכף דער בעל דבר דער שטן דאס מרגיש געווען און האט געזוכט עפעס אעצה צו דעם, איז ער געפאלען אויף די עצה ער זאל ניט קיינעם טשעפען, נאר ער האט געמאכט אמחיצה של ברזל פון די אידישע עבירות וועט שוין די אידענס תפלות ניט קענען אויף געהן פאר הקדוש ברוך הוא, אבער מיין פאטער דער רוזינער האט קיינעם ניט געטשעפעט פאר ר"ה האט דער שטן גאר ניט מרגיש געווען האט ער קיין שום פעולה ניט געטוהען נאר ממש שוין פאר די תקיעות האט זיך דער פאטער מ"ר אנגערופען צו דעם בעל תוקע „געה בלאז שופר וואס זויסט דען אסלאך צו בלאזען צימעס צו בלאזען שופר" איבער דעם האט דער שטן פריער גאר ניט מרגיש געווען און האט ממילא ניט געוויסט מקטרג צו זיין:

מען האט איין מאל געפרעגט דעם צדיק משטופענעשט פאר וואס זעהט מען אז אויף דעם ארט ווי אידען וואהנען ניט איז דער אויר זעהר ריין, און דא ווי אידען וואהנען איז דער אויר אומריין, האט ער געענטפערט אזוי די טבע פון אאיד איז תמיד ארויס צו לאזען פון זיך דעם געמיינעם אויר איבער דעם איז דער אויר אומריין, אבער דער אינו יהודי איז פערקעהרט ער שעפט אין זיך אריין דעם געמיינעם אויר בלייבט דאך איבער דער אויר ריין:

איין מאל אין חנוכה ביי נאכט איז דער צדיק משטופענעשט אריין געקומען פלוצלונג אין זיין בית המדרש אריין, און ער האט געטראפען זיצען די חסידים און שפיעלען אין דאהם, זענען זיי זעהר דערשראקען געווארען און האבען זיך זעהר געשעמט פאר איהם, האט ער איך צו זיי אנגערופען, ציי ווייסט איהר דעם כלל פון דאהם שפיעלען האבען זיי געשוויגען, האט ער צו זיי געזאגט איך וועל אייך זאגען די כללים פון דאהם, מען גוט איינס כדי מען זאל חאפען צוויי, קיין צוויי אנג ניט איין מאל טאר מען ניט געהן, און מען געהט נאר ארויף ניט אראפ, און אז מען קומט שוין ארויף געהט מען שוין ווי מען וויל:

די חסידים האבען אמאל פאר איהם מזכיר געווען אחולה, און האבען איהם דערציילט אז דער חולה איז אגרויסער פרומער איד, האט ער געענטפערט איך ווייס גאר ניט וואס דאס איז אפרומער, און אויך פון מיין פאטער דער רוזינער האב איך קיין מאל ניט געהערט וואס מען מיינט אפרומער, נאר האט ער זיך אנגערופען, מיר דאכט זיך אז

דאס

דאָס איז אַפֿרומער, דאָס אייבערצייג איז פֿון גיאות, און די פּאַצעווקע פֿון כעס, און אויף געגעהט מיט פֿערעם פֿון מרה שחורה:

ער האָט געזאָגט אַזוי: אַקליין גוט יודעל קען אויך אַמאָל בעווייזען אַ מופת ביי גשמיות ווייל ער איז דאָך נאָהנט צו גשמיות, נאָר דער אמת'ער צדיק קען אוודאי עס בעווייזען, ווייל עס שטייט דאָך אַז דער צדיק מיט הקדוש ברוך זענען גלייך, און הקדוש ברוך הוא איז דאָך בלויז רוחניות און איז גאָר דער גאַנצער משפיע פֿון גשמיות, אַזוי אויך דער צדיק חאָטש ער איז ווייט פֿון גשמיות פֿון דעסוועגען איז ער משפיע אויך גשמיות:

ער האָט געזאָגט אַז דער פֿאָטער דער ריזינער האָט קודם פטירתו געזאָגט אַלעם וואָס וועט זיין נאָך פֿאַר די גאולה בב"א:

דער חסיד הרי"ש מקישענוב, האָט דערציילט אַז ער האָט אַמאָל גערעדט מיט דעם צדיק משטופענעשט פֿון דעם ענין, פֿאַר וואָס מיר זעהן דאָס ווען אַמענש האָט אַמאָל ניט קיין צייט צו לערנען, פֿאַלט ער ביי זיך פֿאַר וואָס ער האָט מבטל געווען דעם זמן מיט הבלים, אָבער ווען דער מענש לערנט אַ בלעטעל גמרא ווערט ער ביי זיך געהויבען, און על פי שכל ברויך דאָך זיין פֿערקעהרט אַז ווען אַ מענש לערנט תורה, און די תורה איז דאָך „בעידנא דעסוק בה מגני ומצלי" ווען מען איז עוסק אין די תורה איז זי מציל פֿון שלעכטע מחשבות, דאַרף דאָך דער מענש קריגען אין זיך עניות און זיין ביי זיך שפל, האָט ער געענטפֿערט על פי משל, איינער איז געוואָרען ר"ל מצורע און געקריגען אויף זיך אַ צרעת איז ער געגאַנגען צו אַ דאָקטער ער זאָל איהם היילען, נאָר דער דאָקטער איז אָבער ניט געווען קיין גרויסער מומחה צו דעם איז ער ניט געגאַנגען היילען דעם שורש פֿון דעם צרעת, נאָר ער האָט איהם געגעבען עפּעס אַ מאַשטש צו צולייגען, און דאָס צרעת האָט זיך טאַקי אויס געהיילט נאָר אין אַ צייט אַדום האָט דער מענש וויטער בעקומען דאָס זעלבע צרעת איז ער שוין געגאַנגען צו אַ גרעסערען דאָקטער, האָט ער איהם געגעבען אַ אַנדערע מאַשטש און דאָס האָט איהם אויס געהיילט שוין אויף אַ לענגערע צייט ווי די ערשטע, נאָר אָבער אין אַ לאַנגע צייט ארום, האָט ער ווייטער בעקוממען דאָס צרעת, איז ער שוין יעצט געגאַנגען צו גאָר אַגרויסען פּראָפֿעסער אַ ספּעציאַליסט פֿון די זאַכען, און האָט איהם דער ציילט אַללעס פֿון אָנהייב אָן און האָט איהם אויך געוויזען די רעצעפּטען פֿון די פֿריהערדיגע דאָקטורים, האָט איהם דער פּראָפֿעסער געענטפֿערט איך וועל דיר געבען אַ רעצעפּט וואָס דו וועסט פֿון דעם אויס געהיילט ווערען אויף אייביג און דאָס וועט שוין קיין מאָל ניט צוריק קומען, און ווי דער מענש האָט איינגענומען דעם רעצעפּט דעם ערשטען לעפֿיל איז ער געוואָרען מלא מיט צרעת נאָך מעהר ווי פֿריער איז ער זייער דער־שראָקען געוואָרען, און איז געקומען צו לויפֿען צו דעם פּראָפֿעסער

אַז

אז עס איז איהם נאך ערגער געווארען פון דעם רעצעפט. האט איהם דער פראפעסער געענטפערט שרעק דיך גאר ניט פון דעם, דו זאלסט וויסען אזוי, אז די פריהערדיגע דאקטורים האבען ניט פארשטאנען ווי אזוי דיך צו היילען, און זיי האבען נאר געזוכט מיטלען אום צו היילען דעם צרעת פון אויבען אויף דעם לייב איך האב דיר געגעבען פריער א רעצעפט ארויס צו טרייבען פון אינוועניג דעם גאנצען צרעת, און דער נאך וועל איך דיר געבען א מאשטש דאס צרעת אפצורייניגען, וועט שוין דאס צרעת קיין מאל ניט צוריק קומען. און דאס נמשל איז אויך דאס זעלבע, אז ווען דער מענש געהט בטל און לערנט ניט, איז חאטש ער איז ביי זיך א ביסעל געפאלען איז דאס נור פון אויבען אויף דעם לבוש, איהם דאכט זיך נאר, אבער אין אמת'ן איז ניט אזוי, אבער אז דער מענש לערנט יא תורה, טרייבט די תורה פון איהם ארויס פון אינוועניג דאס גיאות, בדי דער מענש זאל דאס זעהן אז ער פערמאגט אין זיך גיאות וועט ער דאס מתקן זיין:

דער צדיק הר' יצחק מבאש דער זוהן פון דעם צדיק הר' שלום יוסף וואס ער איז געוועזן דער בכור פון ריזינער, האט דער ציילט א מעשה פון דעם צדיק הר"מ מוויטעפסק, ווען ער איז געפאהרען קיין ארץ ישראל האט ער זיך אויף דעם וועג אין ווינטער-צייט אפגעשטעלט אויף שבת צוויי מייל ווייט פון די שטאדט פולנאה, און דאס איז דאך ידוע אז דער וויטעפסקער צדיק הי' זיך געפיערט זייער בריים כאחד השרים, און איז געפאהרען תמיד מיט א קאטש אין דריי פערד געשפאנט, נאר דער צדיק פון דער שטאדט פולנאה האט זיך געלעבט פראסט בצמצום, נאך די סעודה שלישית פון שבת, האט דער וויטעפסקער געהייסען שפאנען און איז אריין געפאהרען קיין פולנאה און איז אריין געקומען צו דעם צדיק פון פולנאה גראדע ווען ער האט נאך געהאלטען אין מיטען די סעודה שלישית, און דער וויטעפסקער האט געהאלטען א לולקע און גערייכערט און איז זיך אזוי גאנץ בריים ארום געגאנגען ביי דעם פולנאהער אין שטוב מיט די לולקע, און דער פולנאהער האט איהם גרויס כבוד אנגעטוהען ווי דער שטייגער איז נאר די תלמידים פון פולנאהער האט דאס זעהר פארדראסען, האבען זיי דאס איבער געפרעגט זייער רבי'ן דעם פולנאהער פאר וואס ער טוהט איהם אזוי פיעל כבוד אן, האט ער זיי געענטפערט מיט א משל. א מלך האט אמאל געברויכט אוועק צו פאהרען פון זיין היים, און ער האט פערמאגט זעהר טייערע אוצרות, האט ער אללעס פארשלאסען אין אייזערנע קאסטען, נאר איין דבר יקר האט ער געהאט וואס ער האט דאס מורא געהאט צו פארשליסען מיט די אנדערע זאכען גלייך, איבער דעם גרויסען יקרות פון דעם, וועלען מענשען געוויס ארויס נעמען דאס ווען זיי וועלען וויסען אז דאס ליעגט דא פארשלאסען.

היים

האָט ער זיך מיישב געווען, און האָט אים געגראָבען אַגרוב אין די ערד און האָט דאָס דאָרטען בעהאַלטען און צוריק פאַרשיט דעם גרוב, מען זאָל ניט דערקענען חאָט ער אַרויף געלייגט אויף דעם אָרט נאָך אַ קופּע מיסט צו, וועט שוין קיין שום מענש ניט איינפאַלען דאָ צו זוכען אין דעם מיסט. אזוי דאָס זעלבע איז דער צדיק מוויטעפּסק אויך, ער איז זייער אַגרויסער עניו ביי זיך, נאָר ער האָט אָבער מורא פאַר דעם קלוגען יצר הרע, זאָל איהם ניט אַריין ווארפען קיין גיאות האָט ער זיין ענוות צו געדעקט מיט מיסט, און ווי איז פאַרהאַן אַגעמיינער מיסט ווי גיאות, איבער דעם איז ער זיך מתנהג מיט אַ לבוש פון גיאות און באמת איז דער מענש אַ גרויסער עניו:

מען האָט דערציילט פאַר איהם די מעשה פון רבי ר' העשיל ז"ל וואָס עם האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען צו דרוקען זיינע פיעל חבורים וואָס ער האָט געמאַכט, איין מאָל איז זיינער אַ תלמיד געפאָהרען קיין ירושלים, האָט איהם דער רבי ר' העשיל ז"ל מיט געגעבען זיינם אַ חיבור וואָס איז ביי איהם זעהר טייער געווען ער זאָל דאָס לאָזען דרוקען אין ירושלים, נאָר באלד ער וועט ניט דאָס קענען דרוקען זאָל ער איהם דאָס צוריק אָפּגעבען עס איז ביי איהם טייער ווי דאָס לעבען. האָט דאָס דער תלמיד מיט גענומען מיט זיך קיין ירושלים, און עס האָט זיך אָבער איהם אויך ניט איינגעגעבען דאָרטען צו דרוקען דאָס חיבור, און ווען דער תלמיד איז צוריק אַ היים געפאָהרען איז די שיף צו בראָכען געוואָרען און דאָס חיבור אַריין געפאַלען אין ים אַריין, נאָר דער תלמיד איז על פי נס ניצל געוואָרען. און ווען ער איז אַ היים געקומען האָט ער געוואָלט פון דעם מודיע זיין דעם רבי'ן נאָר ער האָט אָבער מורא געהאַט אַנצוזאָגען דעם רבי'ן אַזאַ שלעכטע בשורה, האָט ער געבעטען זיינם אַ חבר אויך אַ תלמיד פון דעם רבי'ן, אַז ער זאָל מודיע זיין דעם רבי'ן די סבה, נאָר מיט שכל און ניט איהם דאָס דערציילען פּלוצלינג, איז דער חבר געקומען צו דעם רבי'ן, און האָט איהם געפרעגט אַזוי: די גמרא זאָגט „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה" אַ מענש איז מחוייב צו לויבען גאָט ווען עם קומט אויף איהם שלעכטס גלייך ווי גוטס, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך אַז דער מענש זאָל לויבען גאָט מיט שמחה אויף אַ שלעכטע בשורה ווי אויף אַ גוטע בשורה, האָט איהם דער רבי ר' העשיל געענטפערט און איהם געגעבען צו פערשטעהן וויל דער מענש ברויך האָבען אמונה אַז אַלעס איז לטובה פאַר איהם, האָט איהם דער תלמיד געבעטען ער זאָל איהם דאָס געבען בעסער צו פערשטעהן וויל עס איז נאָך ניט ביי איהם אין גאַנצען ריכטיג. האָט איהם דער רבי בעסער געגעבען דאָס צו פערשטעהן אַז עס איז מעגליך אַז דער מענש זאָל לויבען מיט שמחה דיגע איבערשטען אויף אַ שלעכטע בשורה גלייך ווי אויף אַ גוטע. יעצט האָט דער תלמיד געזעהן דאָס זיין רבי האַלט שוין

ביי

בײַ די מדריגה, האָט ער איהם דאָס כוריע געווען פֿון די סבה מיט זײַן חיבור וואָס עס איז אַרײַן געפֿאַלען אין ים אַרײַן, איז איהם זײַער ניט גוט געוואָרען און איז געבליבען חלשות פֿאַר דעם גרויסען צער. די מעשה האָט מען דערצײַלט פֿאַר דעם צדיק הר׳ יצחק מבאַש וואָס אויבען איז געשריבען:

האָט ער געענטפֿערט אויף דעם, אויף די פלא פֿאַר וואָס דער רבי ר׳ העשיל נאָך דעם ווי ער האָט געגעבען צו פֿערשטעהן דעם תלמיד זײַנעם אַז אפילו אַ שלעכטע בשורה ברויך מען אויך מקבל זײַן בשמחה, און ער אַלײַן האָט ניט געקענט בײַשטעהן דעם זעלבען נסיון. נאָר דער תירוץ אויף דעם איז אַזוי, באמת איז אַז אַ זעלכע יסורים וואָס זײַ קומען אויף דעם מענש פֿאַר אײַן עונש אויף זײַנע חטאים, דאַרף דער מענש ניט זײַן בשמחה, און דער סימן פֿון דעם איז, אויב עס איז דאָ ביטול תורה דורך די יסורים, ווענען זײַ אַ עונש פֿאַר די חטאים. הײַנט אַז דער רבי ר׳ העשיל האָט געהערט די סיבה פֿון זײַן חיבור איז געגאַנגען לאיבוד, ברויך מען שוין ניט מעהר קײַן גרעסערען ביטול תורה ווי דאָס איז. איז שוין יעצט ריכטיג פֿאַר וואָס ער האָט געהאַט פֿון דעם גרויס צער און ער איז געבליבען חלשות:

אײַן מאָל איז געווען דער צדיק הר׳ יצחק מבענדער בײַ דעם צדיק מבאַש דאָס איז געווען גראָדע אין ז׳ תמוז וואָס דאַמאָלס איז די יאָהרצײַט פֿון זײַן זײַדען דער צדיק הר׳ ארי׳ ליב מבענדער זצ״ל. האָט ער געהײַסען געבען צום טיש ווײַן מיט שפּײַזעס האָט ער געטרינקען לחיים, און האָט דערבײַ אַזוי געזאָגט, „שיר למעלת אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי״ דרש׳נען די חז״ל „ההרים״ מײַנט מען די אבות הקדושים, איז דער טײַטש אַזוי „אשא עיני אל ההרים״ איך טהו אויף הײבען מײַנע אויגען און זעה דאָס גרויסקײַט פֿון די אבות און דאָס שפלות פֿון מיר אַז איך בין גאָר ניט קעגען זײַ, „מאין יבוא עזרי״ פֿון גאָר ניט קומט מײַן הילף, ווײַל איך האַלט מיך פֿאַר גאָר ניט דורך דעם וועל איך געהאָלפֿען ווערען, אַזוי ווי עס שטײַט אין פסוק „אני ה׳ אשכון את דכא ושפל רוח״ איך גאָט טהו רוהען בײַ דעם וואָס האַלט זיך שפל׳דיג און איז בײַ זיך צו בראָכען און ער האָט אויך מסיים געווען זכותו יגן עלינו על ז״עו ועל כל ישראל אמן:

אין די צײַט ווען דער ריזינער איז געזעסען התפוס אין די שטאָדט קיוב כידוע, האָט זיך זײַן מוטער די צדיקת מרת חוה׳לע זעהר מצער געוועזען און האָט זעהר געבענקט צו איהם, און זי האָט געוואָלט פֿון איהם האָבען אַ גרוס דורך אַ מענש וואָס זאָל האָבען אַלײַן גערעדט זיך מיט איהם אין די תפיסה, איז געווען אַ מענש וואָס האָט אַזוי ווענען דעם משתדל געווען, און האָט געהאַט קענטשאַפֿט מיט דעם נאטשאַלניק פֿון די תפיסה, האָט זיך איהם אײַנגעגעבען אַרײַן צו קומען אין די

די תפיסה אַריין ווי דער ריזינער איז געזעצען און האָט מיט איהם אַיילן גערעדט פה אל פה, און האָט גענומען ביי דעם ריזינער אַגרוס צו זיין מוטער, האָט דער מענש פערלאַנגט פון איהם ער זאָל איהם זאָגען עפּעס אַ צייכען אָדער אַסימן צו זיין מוטער כדי זי זאָל ווערען גלייבען אַז איך האָב אַליין גערעדט מיט איהר זוהן דער ריזינער, האָט איהם דער ריזינער געענטפערט אַזוי, דו זאָלסט זאָגען מיין מוטער דאָס מיין גאַנץ זיצען אין די תפיסה איז נאָר איבער איהר, און זי איז דער גאַנצער גורם. אַז דער מענש איז געקומען צו די מוטער און האָט איהר אָבגעגעבען דעם גרוס מיט דעם סימן, האָט די מוטער די גרויסע צדיקת איהם געענטפערט, עס איז טאַקי אמת אַז איך בין דער חייב אין זיין זיצען אין די תפיסה. די מעשה פון דעם איז אַזוי. איידער צו איהר זוהן דער ריזינער איז געבוירען געוואָרען צו איהם דער לעצטער זוהן זיינער דער הייליגער צדיק הר' מרדכי שרגא מהוסיאַטין זי"ע איז ער געקומען צו זיין מוטער און האָט צו איהר אַזוי געזאָגט, איך בין ביכולת אַראָבצוברענגען זעהר אַ גרויסע הויכע נשמה וואָס איז שוין צוויי טויזענד יאָהר ניט געווען אויף דעם עולם, נאָר איך וועל ברויכען ליידען פון דעם זעהר, האָט איהם די מוטער געענטפערט מיט דעם לשון, מיין זוהן וואָס טהוט מען דען נישט פאַר קינדער וועגען ?:

איין מענש וואָס ער איז געווען זעהר מקורב ביי דעם ריזינער איז אַמאָל נכשל געוואָרען אין אַגראָבע עבירה ר"ל האָט ער זיך געשעהמט צו קומען מעהר צו דעם ריזינער, און אַזוי איז אַריבער געגאַנגען אַלאַנגע צייט און ער איז ניט געווען ביי דעם ריזינער, איין מאָל האָט זיך דער מענש מיישב געווען, און ער האָט ביי זיך געטראַכט ווי לאַנג נאָך וועל איך אַזוי זיצען און זיין דערווייטערט פון מיין הייליגען רבי'ן דער ריזינער, יעבור עלי מה, זאָל זיין וואָס עס וועט זיין און האָט זיך געשטאַרקט, און איז געקומען צו דעם ריזינער, אין האָט זיך פאַר איהם מתנצל געווען דאָס ער איז געווען מרוחק ביז יעצט ווייל ער האָט געהאַט בושה צו קומען ווייל ער איז נכשל געוואָרען אין אַגרויסע עבירה. האָט איהם דער ריזינער דאָס געענטפערט, גייב אַקוק אין תרגום וואָס דער תרגום זאָגט אויף דעם פסוק (קהלת י') „אם רוח המושל יעלה עליך מקומך אל תנח" זאָגט דער תרגום אויף דעם פסוק אַזוי „אין רוחא דיצרא בישא מתל בך ומתגבר לטוסק עלך, אתרך טב די הוית נהיג למיקם בי' לא תשביק ארום פתגמי אורייתא אתבריאו אסו בעלמא למשביק ולמנשי מן קדם ה' חובין רברבין" דער טייטש פון דעם איז אַזוי, אויב דער יצר הרע רעדט דיר אָן און ער שטאַרקט זיך איבער דיר, זאָלסטו דיין גוט אָרט ווי דו ביסט ביז יעצט געשטאַנען ניט פאַרלאָזען, און די דברי תורה זענען דאָך בעשאַפען געוואָרען פאַר אַרפואה צו די וועלט און צו מאַכען פערגעסען פון פאַר גאָט די גרויסע חטאים:

ווען

ווען דער ריזינער איז געגאַנגען לייגען דאָס ערשטע מאָל תפילין צו זיין זוהן דער צדיק הר' מרדכי שרגא מהוסיאטין ווען ער איז געוואָרען בר מצוה האָט ער דעם זוהן דערציילט, אַז איידער דער צדיק הר' מענדעלע מוויטעפּסק איז נתגלה געוואָרען, זענען אַמאָל געקומען די חסידים פֿון רוסלאַנד צו זייער רבי'ן דער הייליגער גרויסער צדיק דער מגיד ממעזריטש, זצ"ל זי"ע, און האָבען זיך פֿאַר איהם מתנצל געווען דאָס איז זיי זעהר וויט דער וועג צו זייער רבי'ן איז זיי זעהר שווער צו קומען אָפֿט, און אָהן אַרבי'ן קענען זיי אויך ניט זיין, האָט זיי דער מגיד געגעבען זיינס אַמלבוש אין אַגאַרטעל מיט אַשטעקען, און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט איך גיעב אייך די זאַכען און איהר זאָלט דאָס איבער געבען צו איינעם וואָס ער הייסט מענדעלע אין וויטעפּסק, וועט איהר קענען פֿאָהרען צו איהם ווען עס וועט אייך שוועהר זיין צו קומען אַהער, זענען די חסידים געפֿאָהרען מיט די זאַכען קיין וויטעפּסק, אין האָבען זיך דאָרטען געפֿרעגט ווי עס וואָהנט דער ר' מענדעלע האָט מען זיי געענטפֿערט עס געפֿינט זיך גאָר ניט דאָ קיין מענש ער זאָל הייסען ר' מענדעלע ביז זיי האָבען געטראָפֿען אַפֿרוי און זי האָט זיי געפֿרעגט וועמען זיי זוכען האָבען זיי איהר געזאָגט אַז זיי זוכען ר' מענדעלע האָט זי זיי געענטפֿערט היער איז ניט פֿאַרהאַן קיין מענש מיט דעם נאָמען ר' מענדעלע נאָר סתם מענדעלע געפֿינט זיך אַסך איך האָב אויך אַ איידעם וואָס ער הייסט מענדעלע, דאַמאָלס האָבען זיי פֿאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין דער וואָס זיי זוכען צו האָבען, זענען זיי מיט איהר מיט געגאַנגען אַהיים און האָבען געטראָפֿען דעם איידעם, האָבען זיי איהם אַוועק געגעבען די זאַכען פֿון דעם מגיד, האָט ער ביי זיי דאָס צו גענומען און האָט זיך אָנגעטוהען דאָס מלבוש מיט דעם גאַרטעל, און האָט אויך גענומען דעם שטעקען אין האַנד אַריין, און תיכף האָט מען איהם שוין ניט דערקענט אַז ער איז דער אייגענער פֿון פֿריהער איידער ער האָט דאָס אָנגעטוהען און עס איז געפֿאַלען אויף זיי אַין פחד, אַז ער דער ריזינער האָט די מעשה אַבדערציילט זיין זוהן ווי אויבען איז געשריבען, האָט זיך דער ריזינער צו איהם אָנגערופֿען בזה הלשון, יעצט אַזוי שוין אַזוי, והבן:

ווען דער גרויסער הייליגער גאון הר' חיים האלבערשטאם מצאנז איז געפֿאָהרען דעם ריזינער מקבל פנים זיין איז די נסיעה געווען אין ווינטער צייט און די קעלט איז געווען זעהר גרויס, האָבען די מענשען וואָס זענען מיט געפֿאָהרען געבעטען דעם גאון מצאנז מען זאָל זיך אַביסעל שטעלען אויף דעם וועג כדי מען זאָל קענען זיך אַביסעל דערוואַרעמען, האָבען זיי בשום אופן דאָס ניט געקענט ביי איהם פועל'ן און ער האָט צו זיי געזאָגט, ווי קען מען זיך פֿאַרגינען צו שטעלען זיך ווען מען האַלט אין מיטען פֿאָהרען צו אַזאַ קדוש עליון, האָבען זיי אָנ־

גערערט

נערערט דעם פוהרמאן ער זאל ניט פאהרען ווייטער, ער זאל זאגען אז די פערד קענען ניט געהן מעהר און מען ברויך זיי לאזען אפריהען אויף אגאנצע נאכט, וענען זיי געבליבען אויף דעם ארט נעכטיגען. נאר דער גאון מצאנז איז די נאכט גאר ניט געשלאפען און האט זיך ניט געזעצט ביז אין דער פריה ווען זיי זענען געפאהרען. ווייטער עס האט איהם ניט געלאזט רוהען, ווייל ער האט געוואלט קומען צו דעם ריזינער וואס פריער:

די מעשה איז ידוע ומפורסם אז דער זקן הדור דער גרויסער הייליגע גאון און געטליכער מאן מוה"ר אברהם יהושיע העשיל מאפטא זצוק"ל האט זיך מבניע געווען פאר דעם קדוש עליון מריזין זי"ע, ווען דער ריזינער איז נאך געוועזען גאר א יונגער מאן. דעם ריזינער איז איינמאל אראפגעפאלען די גארטעל האט זיך דער זקן הדור דער הייליגער צדיק מאפטא איינגעבויגען און האט אויף געהויבען דעם גארטעל און אליין איהם צוריק צוגעגארטעלט, און האט געזאגט אז איז גלייך ווי ער איז נולל אספר תורה, איז ביי די מענשען וואס זענען געווען דערביי געווען דאס אגרויסע פלא, האט דער צדיק מאפטא צו זיי געזאגט עס שטייט אין מדרש אז לעתיד לבא וועט מען זיך פארוואונדערען ווען מען וועט זעהן איינעם וואס ער האט ביי זיין לעבען גאר ניט געלערענט זיצט גלייך מיט אונזערע אבות און שמועסט מיט זיי, וועט הקדוש ברוך הוא זיי ענטפערען וואס וואונדערט איהר זיך אזוי, זיי האבען נאר זוכה געווען צוליעב איהם. האט דער צדיק מאפטא זיך אנגענומען ביי די בארד און האט געזאגט איך שווער ביי מיין בארד אז דער מדרש האט געמיינט נאר דעם ריזינער:

דער צדיק מאפטא האט געזאגט אויף דעם ריזינער אז ער האט גאר ניט פערגעסען פון דעם וואס דער מלאך האט געלערענט מיט איהם איידער ער איז געבוירען געווארען. נאך האט ער געזאגט אויף דעם ריזינער מיט זיין ברידער אז זיי זעהן מסוף עולם ועד סופו:

עס האט דערציילט דער צדיק המפורסם הר' אברהם שליט"א אבדק"ק סטאשוב ופאריסאוו וואס ער איז א אייניקעל פון הייליגען צדיק מיט דעם בעוויסטען נאמען דער איר הקדוש איין מאל זענען געווען ביי דעם ריזינער אחברה בלויז יונגע לייט און ווען זיי האבען זיך אלע געזעגענט מיט דעם ריזינער אהיים צו פאהרען, האט זיי דער ריזינער אנגעזאגט זיי זאלען דאווענען הפלה בזמנה און ניט שפעטער און איך וועל אייך דערציילען א מעשה פון א מענש וואס זיין ווייב האט איהם געקאכט אלע טאג דאס זעלבע מאכל „פאסאליס" אזוי האט זיך געפירט אלאנגע צייט, איין מאל האט זיך זיין ווייב פערשפעטיגט און דער פריה און דאס מאכל „פאסאליס" איז פארטיג געווארען מיט עטליכע שעה שפעטער ווי געוויינטלעך, אז זי האט איהם דערלאנגט צום טיש דאס

וועלכע

זעלבע מאכל „פאסאלים" איז ער זעהר אין כעס געווארען אויף זיין ווייב, און האט צו איהר אזוי געזאגט, איך האב גערעכענט אז דו מוזט היינט קאכען עפעס איין אנדער מאכל אבעסערס און טייערערס ווי דאס, איבער דעם האסטו דיך פערשפעטיגט ווייל א בעסערער מאכל ברויך האבען מעהר הכנה האב איך דורך דעם פערליעב גענומען און געווארט ביז יעצט, אבער אויף דעם זעלבען מאכל „פאסאלים" וויל איך ניט ווארטען לענגער קיין איין מינוט. ביי די ווערטער האט ער זיי געזעגנט און זיי זענען אוועק געפאהרען. אויף דעם וועג האבען זיי זיך אפגעשטעלט אין אכסניא איז דארט געווען א זקן א אלטער מאן האבען זיי מיט איהם זיך צושמועסט ביז זיי האבען פאר דעם זקן דערצייהלט די מעשה וואס זייער רבי דער ריזינער, האט זיי דערציילט, א קענען דעם שפעטען דאווענען. האט זיי דער זקן געענטפערט, צו בייזערען זיך אויף דעם ווייב פאר וואס זי האט זיך פערשפעטיגט מיט דעם עסען ווי יעדען טאג איז נאר שייך ווען די מאן און ווייב האבען זיך ניט ליעב, אבער ווען זיי האבען זיך שטארק ליעב איינס דאס אנדערע איז ווען די ווייב זאל אפילו זיך לענגער פערשפעטיגען איז אויך ביי דעם מאן רעכטיג און וועט זיך גאר ניט בייזערען אויף זיין ווייב. און ווי זיי האבען דאס געהערט פון דעם זקן איז דאס זיי זעהר געפעלען געווארען, און ווען זיי זענען געווען דאס צווייטע מאל ביי דעם ריזינער האבען זיי פאר איהם דערציילט די רייד פון דעם זקן, האט זיי דער ריזינער געענטפערט אז דער זקן איז שוין נפטר געווארען ווארום ער איז נאר געקומען אויף די וועלט נאר צו ליעב די רייד זיינע ממליץ צו זיין די גרויס מליצה אויף דעם כלל ישראל, והבן:

אין ספר דברי דוד ברענגט ער פאר זיין פאטער דער ריזינערס וועגען אז ער האט געזאגט אזוי גוט ווי אין די דורות הראשונים איז געווען דאס לערנען אין ספר הזוהר הקדוש מסוגל מטהר צו זיין די נשמה, אזוי אויך אין היינטיגע צייט איז דאס לערנען אין ספר אורח חיים אויף תורה מסוגל צו די נשמה:

נאך ברענגט ער אין דעם ספר דברי דוד פון איינעם א בעל תשובה וואס איז געקומען צו דעם הרב הצדיק מטשארנאבעל און האט איהם דערלאנגט אקוויטעל און האט אויס גערעכענט אין דעם אלע זיינע חטאים אז ער האט ניט איבער געלאזט קיין איין עבירה ער זאל זיי ניט האבען געטוהען ר"ל, און האט געבעטען ביי איהם ער זאל איהם ארויס געבען אתשובה, אז דער צדיק מטשארנאבעל האט דאס געזעהן ווי אגרויסער בעל עבירה ער איז, האט ער איהם געענטפערט אזוי, איך בין שוין אויף די עלטער און האב שוין קיין כח ניט צו אזא שווערען בעל תשובה, נאר דו זאלסט פאהרען צו דעם ריזינער ער איז נאך איונגער מאן וועט ער דיך מקבל זיין און דיר געבען ארויס אתשובה. איז דער מענש געפאהרען צו דעם ריזינער און האט איהם

אויך

אויך דערלאַנגט אַקוויטעל און אויס געדעבעט דאָרטען אַלע עבירות זײַנע וואָס ער האָט שוין עובר געווען האָט איהם דער רוזינער מסדר געווען זײַן תשובה אַזוי, ער זאָל צו ערשטען זעהען, דאָס כל דבר שבקדושה דהיינו דאַווענען אָדער בענטשען און אפילו גלאַט אַברכה זאָל ער זאָגען נאָר פֿון אַסידור, און ער זאָל ניט אַראָפּ לאָזען קיין אויג פֿון דעם רוזינער ווען ער זיצט בײַ זײַן טיש זאָל ער נאָר קוקען אויף דעם פּנים פֿון רוזינער, און מעהר האָט איהם דער רוזינער ניט געזאָגט. און דעם רוזינערס זוהן דער צדיק מטשאָרטקוב האָט דערצײַלט אַז ער אַליין האָט געקענט דעם דאָזיגען בעל תשובה אַז ער איז געוואָרען אַבעל מדריגה מענש, און האָט אויך גענומען קוויטלעך, און דער „טשאָרטקובער" האָט געזאָגט אַז ווען דער בעל תשובה האָט געטוהען נאָר דאָס וואָס מײַן פֿאָטער דער רוזינער האָט איהם געהייסען, האָט ער שוין ממילא אַליין געוויסט וואָס ווײַטער ער האָט צוטוהען בײַ יערע זאַך:

איין מאָל אין שושן פּורים ווען דער רוזינער איז געזיצען בײַ זײַן טיש האָט ער זיך אָנגערופֿען מיט דעם לשון, זיצען אידען און מיינען זיי זענען אידען און דאַרפֿען תשובה טוהען, נעבעך איבער דעם השיב ימינו אחור, כדי נפשות מישראל זאָלען זיך נעבעך קענען אַרויס ראַטעווען:

איין מאָל האָט ער זיך אַזוי אָנגערופֿען מיט דעם לשון. מיר געפֿונען גאָר ניטא מסטרא דקדושה אַז אַ איד זאָל קענען דינען השם יתברך מתוך הרחק, דאָס איז נאָר מסטרא אחרא, מסטרא דקדושא געפֿונען מיר נאָר אַז אַ איד קאָן דינען השם יתברך נאָר מתוך הרחבה גדולה, דאָס האָט ער געזאָגט אין דער שטאָדט קאַבענײַן אין אַוואָכען טאָג, נאָר אין די שטאָדט סאַדיגור אין שבת קודש האָט ער צו דעם נאָך מוסיף געווען דעם פּסוק „לבן קרא לו יגר שהדותא" יגר איז דאָס לשון מורא און בצמצום דאָס איז נאָר פֿון לבן'ס זײַט מסטרא אחרא, אָבער „יעקב קרא לו גלעד" און גלעד איז שוין אַלשון גילה שמחה ברחבה מסטרא דקדושה:

איין מאָל די ערשטע נאַכט חנוכה האָט ער געזאָגט, יעדער איד ברויך גלייבען אַז מיט זײַן אייגענע תורה און תפלה בויעט ער וועלטען, און חאָטש ער איז נאָך ניט בײַ די מדרגה, פֿון דעסוועגען ברויך ער על כל פנים גלייבען אין דעם, אַז דער אמת איז טאַקע אַזוי, און אַז ער ועט שוין אין דעם טאַקע מאמין זײַן, דאַמאָלס וועט ער קענען יעצט פֿערשטעהן ווי ווײַט ער איז נאָך פֿון די מדריגה וועט ער ווערען בײַ זיך אשפל, און ווען ער וועט ווערען בײַ זיך פֿון דעם שפלידיג, וועט ער דאַמאָלס קענען צו קומען צו די מדריגה:

ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די סגולה פֿון די גראָהזען וואָס זיי זענען ארפואה, קומט פֿון דעם וואָס דער רוח בלאָזט אין זיי, און אַז השם

דאָס

יתברך וויל בלאזט ער אריין דעם רוח אין ברוסט אריין איז דאס ברוסט אויך ארפואה און מען ברויך גאר ניט די גרעהזער:

ווען דער ריזינער האט געשריבען תנאים ביי זיין אייניקעל מיט די טאכטער פון הייליגען צדיק הר' צבי הירש מרימינאב איידער מען איז געגאנגען שוין שרייבען די תנאים האט זיך דער ריזינער אנגערופען צו דעם מחותן איהר ווייסט מחותן אז מיין מנהג איז אויף יעדע תנאים פון מיינע קינדער רייד איך מיט דעם מחותן פריער פון אונזערען יחוס פון וואנען מיר קומען ארוים. האט דער ריזינער אנגעהויבען צו רעדענען זיין יחוס, מיט דעם לשון. דער ראש פון אונזער יחוס איז געווען מיין פאטערס פאטערס זיידע ר' בעריש ז"ל, און מיין פאטערס זיידע זיין זוהן ר' אברהם המלאך ז"ל, מיין עלטער זיידע ר' נחום ז"ל און מיין פעטער זיין זוהן ר' מאטעל און מעהר קיין ווארט, צו זאגען עפעס אשבח אויף זיי נאר וואס ער האט דערמאנט זייערע נעמען האט ער ניט געזאגט, און דערנאך האט ער געזאגט צו דעם מחותן יעצט זאגט איהר אייער יחוס. (אין דעם ספר מבשר טוב איז געדרוקט זעהר אלאנגע תשובה וואס דער מחותן האט דעם ריזינער געענטפערט).

אין דעם ספר עירין קדישין ווערט געברענגט פאר דעם ריזינערם ווענען וואס ער האט געזאגט איין מאל שבת פאר שבועות פאר וואס מען רופט יום ג' סיון יום המיוחם די וועלט זאגט אטעם וויל לויט דעם רעכענונג פון די תקופות פאלט אין דעם טאג יום כיפור האט ער געפרעגט וואס פאר איחום איז דאס, ווען מען איז נאר נעבען דעם מיוחם, און אליין איז מען ניט קיין מיוחם, אמעהר איך בין אויך אמיוחם, פון דעסוועגען איז דער עיקר יחוס עצמו אייגענער יחוס, און דאס משל איז אזוי. אמלך האט זיך געהייסען מאכען זעהר אטייערען שיינעם פאלאץ, אז דער פאלאץ איז שוין געווארען פארטיג האט דער מלך געוואלט מען זאל די ווענט פון דעם פאלעץ זעהר שיין אוים מאהלען, האט דער מלך גענומען פיער גוטע מאלערם און האט זיי געהייסען מאהלען די פיער ווענט פון דעם פאלאץ יעדער בעזינדער נאר צו איין וואנד מיט די בעסטע און שענסטע מעהלעכץ וואס עס איז נאר ביי זיי מעגלעך, האבען דריי פון זיי געמאהלען די דריי ווענט מיט פערשיעדענע טייערע מעהלעכין פון די וועלט, נאר דער פערטער מאהלער איז געגאנגען און האט אויסגעמאהלט די פערטע וואנד מיט אזא מין טייערע פארב קאליער די גאנצע וואנד איין קאליער און די וואנד איז געווארען פונקט ווי דער טייערסטער שפיגעל אין די וועלט און עס האט זיך ממש גע־דאכט אז די אלע געמעהלעכץ פון די איבריגע דריי ווענד זענען אוים געמאהלט נאר אויף די וואנד, און אז דער מלך איז אריין געקומען זעהן און באקוקען די מעהלעכץ פון דעם פאלאץ איז איהם זעהר די דריי ווענד געפעהלען, נאר ווען ער האט דערזעהן די פערטע וואנד איז איהם

דאס

דאָס בעסער געפֿעלען געוואָרען ווי אַלע. אַזוי דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם יתום אויב דער יחסן איז זיך אויך נוהג בקדושה וטהרה אַזוי ווי זיינע אבות הקדושים ווערט ער ווי אַ טייערער שפּיגעל און עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין איהם זיינע אַלע טייערע הייליגע אבות, און דער הייסט באמת אַמיוחס:

אין אַ ספר ווערט געבּרענגט פֿאַר דעם ריזינערס ווענען, דאָס דער ריזינער פֿלעגט תמיד האָבּען אַ תנועה צו מאַכען מיט זיין הייליג מויל בם בם האָט איינער אמתנגד דאָס געהערט האָט ער געלאַכט פֿון דעם, האָט איהם דער ריזינער נעפֿרעגט פֿאַר וואָס ער לאַכט פֿון איהם, האָט ער איהם געענטפֿערט ווייל דער רבי מאַכט, בם, בם, האָט איהם דער ריזינער געענטפֿערט עס שטייט דאָך אין די תורה אַזוי „ודברת בם". ברבות הימים אין אַציים ארום האָט זיך דער זעלבער מתנגד אויך זיך געזוינגען דעם בם, בם: האָט איהם דער ריזינער געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער זינגט אַזוי בם, בם האָט ער געענטפֿערט דער רבי זינגט אויך אַזוי ווייל עס שטייט אַזוי אין די תורה, האָט צו איהם דער ריזינער געזאָגט יאָ יאָ עס שטייט אָבער אויך „צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם" אַלעס ווענדט זיך נאָך די כוונה פֿון דעם מענש וואָס זאָגט דאָס, און יעצט ווער עס וויל ריידען קען ריידען:

אין דעם ספר בנין שלמה ווערט געבּרענגט אַז דער ריזינער האָט געזאָגט אויף זיך און זיין ברודער דאָס זיי זעהען מסוף עולם ועד סופו. אויף דעם האָט דעם ריזינערס זוהן דער צדיק מסאדיגור געזאָגט דער וואָס איז זוכה צו דעם אור הגנוז קען זעהען אין איין רגע מסוף עולם ועד סופו און האָט געזאָגט אַז ער ווייסט פֿון יעדען פֿון זיינע בעקאַנטע ווען זיי פֿאָהרען צו איהם אַרוים פֿון זייער הויז, און אַז ער דערשפּירט מיט עטליכע טעג פֿריער אַשינוי אויר אויף אַרעגען אָדער אַשניי און גלאַט עפּעס אשינוי דערשפּירט ער אויך פֿריהער:

דאָס איז אויך ידוע לכל אַז דעם ריזינערס זוהן דער צדיק הר' אברהם יעקב מסאדיגער איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה ער האָט ניט קיין מאָל אויף געהערט צו געבען נאָך טאָג און נאַכט האָט ער געהאַלטען אין איין געבען! ער האָט צוטיילט צדקה אַ יאָהר אַ ערך פֿון צעהנטויזענד רובל און ער האָט דאָס געגעבען תמיד מיט דעם גרעסטען פֿערגעניגען און בסבר פנים יפות:

אַ שפּל איז ער געווען בײַ זיך עד אין שיעור. איין מאָל ג' מרחשון אין די יאָהרצייט פֿון זיין פֿאָטער דער ריזינער, ווען ער איז געזעצען בײַ דעם טיש מיט זיין עולם און געזאָגט דברי תורה, האָט ער אַזוי מסיים געווען. דוד המלך האָט געזאָגט אויף זיך דעם פסוק „ואנכי תולעת ולא איש" איך בין ווי אַ וואָרם און ניט קיין מענש „חרפת אדם" עס איז אַ חרפה פֿאַר אדם הראשון צו ווען ער האָט אַוועק געגעבען זיינע זיבעציג

זיבעציג יאהר „ובזוי עם" און עס איז אבזיון פאר דעם פאלק אז איך בין דער מלך זייערער, און זיין פנים איז ביי דעם זעהר נשתנה געווארען:

זיין מענש דער הסיד מוה"ר משה דוד גוטמאן פלעגט אלע נאכט נאך דעם ווי דער צדיק מסאדיגור האט אפגעגעסען די ביינאכטיגע סעודה, האט ער געווארט ביז דער צדיק האט איהם געזאגט א גוטע נאכט, און אמאל ווען דער חסיד האט געזעהן אז דער צדיק איז פארטראכט און עס געדויערט לאנג, און דער חסיד האט אבער געוואלט אז דער צדיק זאל שוין געהן שלאפען אביסעל, האט ער מיט כוונה געגעבען ארודער מיט א שטיעל אדער מיט א טיש דער צדיק זאל זיך דערמאנען אז ער ברויך זיך אביסעל אפרוהען. איין מאל איז דער צדיק געגאנגען ארום ביי זיך אין חדר ארויף און אראפ פארטראכט זעהר, און דער חסיד האט געקלאפט מיט די בענק און מיט די טישען און עס האט גאר ניט געהאלפען און דער צדיק איז אזוי ווייטער ארום געגאנגען זעהר פארטראכט און עס איז שוין באלד געווען טאג האט ער זיך געשטארקט און איז צו געגאנגען צו דעם צדיק און איהם דערמאנט אז עס איז שוין באלד טאג אין דרויסען ער זאל געהן שוין שלאפען האט איהם דער צדיק געענטפערט בזה הלשון. דיר איז גוט דו קענסט דיך געהן לייגען שלאפען, וואס זאל איך אבער טוהען עס איז ביי מיר היינט געווען א מענש, וואס איך קען מיר מיט איהם קיין עצה ניט געבען, אריין נעמען איהם אין כלל ישראל איז זייער ביטער עס איז נעבעך זעהר א פערשמירטע זאך אהן א שיעור, ארויסווארפען איהם פון כלל ישראל איז מיר זעהר שווער עס איז דאך א נפש ישראל:

איין מאל איז געקומען צו דעם צדיק מסאדיגוריע א מענש פון זעהר א ווייט ארט, און האט זיך מהנצל געווען פאר איהם, דאס ביי איהם אין ווין-קעהלער הערט מען תמיד א קול משונה פון א ל ץ א ר ו ת ר ע ה, און ער האט ניט קיין מנוחה, האט איהם דער צדיק געענטפערט דאס ער זאל ארוים טרייבען די דינסט זיינע פון זיין הויז וויל דורך איהר זינד איז געווארען דער ל ץ, און האט איהם אויך געזאגט אויף דער ארמז פון די תורה עס איז דא א מסורה „גרש האמה הזאת" טרייב ארוים די דינסט און נאך א מסורה „גרש לץ ויצא מדון" טרייב ארוים דעם לץ וועט ארוים די קריעג. דאס הייסט ווען דו וועסט ארוים טרייבען די דינסט וועט ממילא דער לץ אויך א וועק געהן:

ווען דער ריזינער איז געגאנגען בענטשען זיין זוהן דער צ ד י ק מסאדיגוריע קודם החופה האט ער זיך אזוי אנגערופען, מיט דעם לשון, דער טאטע זכרונו לברכה (דאס איז דער הייליגער צדיק הר' שלום שכנא דער זוהן פון הייליגען צדיק הר' אברהם המלאך) האט געזוגט פון מיינע קינדער וועט מען זעהן ווער איך בין, איך זאג פון מיינע קינדער וועט מען-זעהן ווער גאט איז. קינד לעב איך האב דיר אוים געקליבען

זעהר א הייליג נשמה'לע, געה צו דער חופה אין א גוטער שעה:

דער צדיק מסאדיגוריע האט אמאל דערציילט פון דעם גאון דער רבי שמעלקא מניקעלשבורג אז ער האט זיך קיין קראנץ געגעבען אפילו ווען עס האט איהם געביסען. ער האט געזאגט וואס פאר א טובה מהוט מיר דער גוף, איך זאל איהם קראצען ווען איהם בייסט:

נאך האט דער צדיק מסאדיגור פון זיין פאטער דער ריזינער דערציילט, ווען עס איז געוועזען די יאהרצייט פון זיין פאטער דער ריזינער ג' מרחשוון, אז דער ריזינער האט געזאגט אז זיין זכות אבות בפרט, איז אזוי גלייך ווי דעם זכות אבות בכלל פון גאנצען כלל ישראל, און האט אויך געזאגט אויף דער אז דער פסוק „וזכרתי את בריתי אברהם ואת יצחק ואף את בריתי יעקב" איז מרמז דעם מגיד און דעם מלאך און אויך דעם זיידען זיינעם הר' שלום שכנא:

דער הייליגער צדיק דעם ריזינערס זוהן הר' דוד משה מטשארטקוב, אויף איהם האט דער ברודער זיינער דער צדיק מסאדיגור געזאגט בזה הלשון. זעהט איהר ווי פיעל האר ער נעמט אן פון זיין בארד אזוי פיעל יחודים מאכט ער, און האט אויך געזאגט אויף איהם, איך האב נאך אזא הייליגען איד נישט געזעהן:

עס האט געזאגט איינער אגרויסער חסיד מפורסם א גאון וקדוש, ווען ער איז דאס ערשטע מאל געוועזען ביי דעם צדיק מטשארטקוב, דאס ער האט געמיינט אז נאך דעם ריזינער וועל איך שוין קיין רבי'ן נישט האבען, אבער יעצט לויב איך גאט וואס ביי דעם צדיק מטשארטקוב האב איך געפינען א רבי'ן מיט דעם גאנצען זין פון ווארט:

דאס איז דאך ידוע לכל אז דער הייליגער צדיק מטשארטקוב איז געבוירען געווארען אין דעם צווייטען טאג שבועות שנת תקפ"ז לפ"ק, ווען דער פאטער דער ריזינער איז געזעסען מיט זיינע תלמידים ביי דעם טיש איז מען געקומען זאגען מזל טוב דאס די צדיקת די רביצין האט געבוירען א בן זכר האבען זיינע מקורבים איהם געזאגט מזל טוב און איהם אויך גערעדט ער זאל געבען משקה, האט זיי דער ריזינער געענטפערט איהר טאהנט מיך משקה? איהר דארפט מיר געבען משקה, ווייל איך האב אייך יעצט אראב געבראכט אזא נשמה וואס וועט מקרב זיין אידישע הערצער לאביהם שבשמים:

די צדיקת הרבנית דער צווייטער זיווג פון הייליגען צדיק הר' דוד משה מטשארטקוב, וואס זי איז געוועזען א טאכטער פון זיין עלטערען ברודער דער הייליגער צדיק הר' שלום יוסף זצ"ל האט דערציילט אז ווען ער דער טשארטקאבער איז געוועזען נאך יונג האבען איהם די איבריגע ברידער גערופען „דאס ציצית יודיל" און זי האט געזאגט דעם טעם ווייל דער מנהג איז געוועזען ביי דעם ריזינער ווען זיינס א קינד איז

אלט

אלט געוואָרען דרייסיג טעג האָט מען איהם געמאַכט אַ „ארבע כנפות" מיט ציצית אַזוי איז געוועזען ביי אַלע קינדער דעם ריזינערס האָט זיך געטראָפען איין מאָל ווען דער צדיק מטשאַרטקאָב איז געוועזען נאָך אַ קינד האָט ער זעהר זיך צוויינט און האָט ניט געוואָלט בקיין שום אופן זייגען ביי די אם און האָט אויך ניט געוואָלט שלאָפען, האָט זיך מינקת זעהר דער שראָקען און האָט גערופען די מוטער די רבי'צען, און די מוטער האָט איהם געפרופט איהם איינעמען ווי מען נעמט איין אַ קינד, און עס איז האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען און ער האָט ווייטער געוויינט, האָט די מוטער גערעכענט אַז ער איז ח"ו ניט געזונד און זי האָט גערעכענט צו צו רופען אַ דאָקטער, נאָר זי איז געגאַנגען איבער פרעגען פריער דעם תלמידים מאַן דעם ריזינער, און האָט איהם דאָס דערצייהלט אַז דאָס קינד וויינט זעהר, און זי ווייסט ניט וואָס איהם פעהלט, האָט זיך דער ריזינער פון דעם זיך אוים געלאַכט און האָט געזאָגט אַז מען האָט אַ ודאי פאַרגעסען איהם אריין צו לייגען דאָס ארבע כנפות מיט די ציצית אין די וויקעליך אריין, איז די רבי'צין באַלד געגאַנגען און זי האָט געזעהן אַז עס איז טאַקי אַזוי, האָט זי אָנגעטוהען דאָס ארבע כנפות, האָט ער תיכף אויף געהערט צו וויינען. איבער די מעשה האָט מען גערופען דעם טשאָרט-קאָווער „דאָס ציצית אידיל":

דאָס האָבען אויך דערצייהלט בעוויסטע אמת'ע מענשען ווען ער דער טשאָרטקאָבער איז געוועזען אַ יונגעל פון זיעבען יאָהר האָט זיך געמאַכט איין מאָל ערף דער זיינער ביי נאַכט אַ פייער ביי דעם ריזינער אין הויז איז דער ריזינער מיט זיינע אַלע קינדער אַרויס געגאַנגען אויף די גאַס, נאָר אַז דער ריזינער האָט געזעהן אַז איין קינד פעהלט דאָס איז געוועזען דער טשאָרטקאָבער האָט ער געהייסען דעם משמש זיינעם ער זאָל אריין געהן אין הויז אריין און ארויס נעמען דאָס קינד איז ער אריין געגאַנגען האָט ער אהם געטראָפען ליגען אין בעטיל נאָך אויף, האָט איהם דער משמש געפרעגט צו ער האָט גאָר ניט געהערט פון דעם פייער? האָט ער איהם געווינקען אַז ער האָט יאָ געהערט נאָר ער האָט שוין געלייגט קריאת שמע און שוין געזאָגט ברכת המפיל ווייל ער ניט מפסיק זיין, און האָט אויך געווינקען אַז ער האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר דעם פייער ווייל השם יתברך וועט איהם געווים מציל זיין, האָט דער משמש דאָס באַלד ארויס געגאַנגען און דערצייהלט פאַר דעם ריזינער, און עס איז טאַקי אַזוי געוועזען און דאָס פייער איז באַלד איינגעלאָשען געוואָרען:

דער בעוויסטער חסיד ר' נחום שותק ע"ה האָט דערצייהלט אַז ער איז געוועזען אַמאָל ביי דעם טשאָרטקאָבער. עטליכע טעג נאָך יום כיפור איז אריין געקומען די רבי'צען און האָט געוויינט זעהר דאָס ער איז שוין פיער נעכט גאָר ניט געשלאָפען, האָט ער דער טשאָרט-

קאָבער

קאָבער איהר געגענטפערט בזה הלשון, אז מען איז באמת דבק צום אין סוף ברוך הוא, קען מען זיך באגעהן פיערציג טעג אום געגעסען און אום געשלאָפען:

מען האט דעם טשארטקאָבער קיין מאל ניט געזעהן זיין בשמחה און אפילו ווען ער האט חתונה געמאכט א קינד האט ער אויס געטוהען די תפילין, און איז געגאנגען צו דער חופה באימה ובוראה, און איז תיכף נאך דער חופה צוריק געגאנגען צו זיין תורה לערנען און עבודה חאטש עס איז געווען כמה אלפים מענשען ת״ח ונגידים וחשובים און אלע האבען זיך געפרייט און עס איז געווען שמחה וששון, נאר ער איז געווען בעזונדער און פערנומען מיט זיינע זאכען:

איין מאל האט ער דער טשארטקאָבער דערציילט פון זיין פאטער דער ריזינער אז ער האט געזאגט אזוי ווייל אין די צייט פון בעל שם טוב און דער מגיד הקדוש איז געווען א וועלכע גרויסע צדיקים קדושים, פון דעסטוועגען האבען זיי געהאט אויף זיך התנגדות פון די וועלט דורך דעם איז די וועלט נענש געווארען און זיי גלייבען אין שטעקינס, האט ער דער טשארטקאָבער געזאגט אויף דעם אזוי באמת איז דאס ניט צו פערשטעהן אז אין די זאך וואס אזעלכע גרויסע הייליגע צדיקים האבען עוסק געווען איין ווארצלען אין די וועלט אמונת צדיקים, זאלען זיי גאר נבשל ווערען אז זיי זאלען האבען גאר אמונה אין שטעקענס, נאר דער תירוץ איז אזוי ווארום באמת הייסט די אמונה אין צדיקים אסגולה יקרה, אטייערער אוצר, און דאס משל פון דעם איז גלייך ווי איינער האט אטייערען גאלדענעם זייגער און דער זייגער האט זיך פלוצלונג געשטעלט, איז דער שטייגער אז ער פרייעפט איהם אלע מאל שאקלען חאטש ער ווייסט גאנץ גוט אז דער זייגער וועט זיך ווייטער שטעלען נאר ער האט אבער מורא אז די רעדלעך פון דעם זייגער זאלען ניט דערווייל פארזשאווערט ווערען איידער ער וועט איהם אוועק געבען צו פערעכטען, אזוי אויך איז דאס וועלכע ביי די אידען דאס ענין פון די אמונה אין צדיקים וואס דאס איז זעהר אטייערער כלי און אגרויסער אוצר וואס דורך דעם זכות פון אמונה זענען די אידען אויסגעלייזט געווארען פון גלות מצרים, איבער דעם איז חאטש דער מענש וואס איז ניט זוכה צו זיין מקושר אין דעם אמת׳ן צדיק הדור, נאר כדי עס זאל ניט פארזשאווערט ווערען און זיך אויסלאזען דער טייערער אוצר פון אמונת צדיקים, איז הקדוש ברוך מסבב סיבות אז דער מענש זאל דערווייל משתמש זיין מיט זיין כלי פון אמונה ביי אזעלכען וואס איז נישט כדאי באמת אין איהם צו האבען אמונה נאר דער מענש מיינט אז ער איז באמת דער צדיק הדור און ער געוואהנט זיך צו האלטען זיך ווייטער ביי די אמונה, איבער דעם אין די צייט ווען השם יתברך וועט העלפען און עס וועט מקויים ווערען „ומלאה הארץ דעה״ וועלען זיי דאמאלס וויסען ווי אזוי זיך צו בעגעהן

מיט

מיט זייער טייערען אוצר פון אמונת צדיקים וואס איז נאך ביי זיי איבער געבליבען, און דאס האבען זיי די גרויסע צדיקים געפועלט מיט דעם וואס זיי האבען איינגעפלאנצט ביי די וועלט די אמונה כדי ווען די וועלט וועט זוכה זיין צו דעם אור הדעת וועלען זיי זיך מיט דעם בעניצען צו די אמת'ע צדיקים און יראי ה':

עס האט דערציילט א איש נאמן דאס ער האט געברויכט איין מאל פון דעם צדיק מטשארטקוב אטובה אז ער זאל איהם געבען א בריעף ווענען א ענין גדול, און דער מענש האט אליין אויף געשריבען אנוסח פון דעם בריעף אז דער צדיק זאל איהם אונטער שרייבען, האט ער ניט געוואלט אז דער בריעף זאל זיין מיט דעם נוסח געשריבען האט ער דער מענש איהם זעהר געבעטען אגאנצען טאג אז דער צדיק זאל מסכים זיין אויף דעם נוסח ווי ער האט אנגעשריבען און זאל דאס אלי אונטער שרייבען, ביז אזוי וויט ער דער צדיק איז מריצה געווארען און האט איהם ביי נאכט דערלאנגט דעם בריעף אונטער געשריבען מיט דעם זעלבען נוסח ווי ער דער מענש האט אליין געוואלט, נאר ער דער צדיק האט זיך צו איהם אנגערופען מיט דעם לשון, איהר זאלט נישט מיינען אז איהר האט מיך מנצח געווען מיט אייערע טענות, אז איך מיין אויך אז עס איז גלייך אזוי צו שרייבען ווי איהר האט געוואלט, ניין איך האלט מיך ביי מיינם וויטער, אז עס איז גלייכער אין אייער טובה אז איך זאל שרייבען ווי איך האב געוואלט, נאר איך זעה דאס איהר האט אזא צער פון דעם, קען איך נישט אייך מצער זיין, טוה איך אייך צו ליעב, אבער איך האלט מיך ביי מיינם אז עס איז אייער טובה איך זאל נישט אזוי שרייבען. אויף דעם האט דער זעלבער מענש געזאגט אז עס איז שוין אריבער א לאנגע צייט ערך פון צוואנציג יאהר פון די מעשה וואס ער האט געהאט מיט דעם בריעף, און ער האט איין געזעהן אז ווען ער וואלט טאקע דאמאלס געפאלגט דעם צדיק מטשארטקוב און געשריבען ווי דער צדיק האט געוואלט, וואלט ער צו דעם מצב זיינעם נים געקומען, און עס וואלט איהם געווען אטובה בגשמיות און ברוחניות נאר מען קען דאס ניט אין גאנצען ארויס שרייבען מטעם הכמוס...

דער מענש וואס האט זוכה געווען צו זיין ביי דעם צדיק מטשארטקוב האט ער געזעהן עין בעין זיין עבודה און יראת ה' איז געווען למעלה מגדר שכל אנושי העכער ווי מענשליכער פארשטאנד איז, דהיינו ער האט גאר ניט גערוהט ניט ביי טאג און ניט ביי נאכט, און איז געווען גאר פרוש ומובדל פון זיין גאנץ הויזגעזונד און תמיד סגור ומסוגר אין טאג און נאכט נאר עוסק געווען אין תורה און תפלה. עס האט געקענט אדורך געהן ווי פיעל נעכט וואס ער האט קיין אוג צו געטוהען אפילו אויף איין מינוט:

און אויך ווען ער איז שוין יא נעשלאָפען איז ער מעהר ניט נעשלאָפען לענגער סך הכל ווי צוויי שעה פון האלב זעכם אין דער פריה ביז האלב אכט דאָס איז שוין צוזאַמען דאָס אוים טוהען זיך און אנטוהען וואָס דאָס האָט אויך פערנומען אביסעל צייט. אין מיטען שלאָף פלעגט מען הערען איהם שרייען „הייליגער גאָט“ „הייליגער טאַטע“ „הייליגער פאָטער“ „הייליגער הער פון די גאַנצע וועלט“, ווי זיין שטייגער איז נעווען אזוי צושרייען וואַכעדיגערהייט:

עס שרייבט דער רב הגדול מוהר״י הלוי וועבער דאָס ער האָט געהערט דערציילען פון זיין פאָטער וואָס ער איז געוועען אחסיד מפורסם און אגדול בתורה וביראה אז איין מאָל ביי סליחות זאָגען און מען האָט שוין געהאַלטען אין זאָגען „עניננו“ און דער עולם האָט זיך צו געשטופּט און יעדער האָט געוואָלט שטעהן נעבען דעם רבין דער צדיק מטשאַרטקוב ווייל ער פלעגט זאָגען זעהר שטיל און יעדער האָט אָבער געוואָלט איהם הערען זאָגען, איז געוואָרען זעהר אגרוים ענגשאַפט און די היץ איז געוועען אין לשער, איז דורך דעם זיין זוהן דער צדיק הר׳ ישראל אָנגעהויבען צו חלש׳ן און עס איז געוואָרען אגרויסער רעש צווישען דעם גאַנצען עולם, און ער דער צדיק מטשאָרטקוב האָט גאָר ניט געהערט, נאָר איז ווייטער אזוי געשטאַנען און געזאָגט „עניננו“ פון די סליחה, און אז די מקורבים זיינע האָבען געזעהן אז ער האָרט גאָר גישט פון דעם אז זיין בן יחיד חלשטט זענען זיי צו געגאַנגען צו איהם און איהם דאָס איינגערוימט אין אויער אריין אז זיין הייליגער בן יחיד חלש׳ט. נאָר ער אָבער האָט זיך ווייטער גאָר ניט אום געקוקט אויף קיין איין רגע און איז ווייטער אזוי געשטאַנען און געזאָגט אין די סליחה נאָר ער האָט אמאַך געטוהען מיט די הייליגע האַנד זיינע און געוויזען אז מען זאָל איהם אוועק נעמען פון דעם אָרט, און ער האָט ווייטער געזאָגט „עניננו“ בלי הפסק:

נאָך שרייבט אויף איהם דער זעלבער מוהר״י וועבער דאָס זיין געשווינדטען שכל איז גאָר ניט געוועען משער צו זיין מיט דעם מענשליכען פאַרשטאַנד נאָר בלויז אגעטליכקייט. ער האָט אליין מיט זיינע אויגען געזעהן ביי איהם דאָס כהרף עין האָט ער זיך געקענט מיישב זיין אין דעם גרעסטען און שווערסטען ענין און האָט געזאָגט תיכף די בעסטע און גרעסטע עצה, און ביי איהם אליין האָט זיך דאָס געטראָפען ווען ער האָט איהם געפרעגט אעצה אין אענין גדול וואָס ער האָט געמיינט אז עס וועט ברויכען צו נעדוירען אביסעל צייט דעם צדיק מטשארטקוב קלאָר צו מאַכען אין דעם ענין שווערט ער ביי זיין לעבען דאָס אזוי ווי ער האָט נאָר גערצאָנזשעט ארוים צו רעדען די ערשטע צוועלף ווערטער וואָס דאָס האָט געקענט דויערען ניט לענגער ווי צוועלף סעקונדען, האָט ער איהם באַלד געענטפערט דעם גאַנצען תוך פון דעם ענין גדול:

ער

ער האט געטייטשט די גמרא „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים", אז די גמרא מיינט אויף דעם מענש וואס מען איז זיך אויף איהם מרחם, און אזוי איז דער פשט פון די גמרא, „כל המרחם על הבריות", ווען אמענש איז זיך מרחם אויף דעם צווייטען און האט אויף איהם רחמנות און טוהט מיט איהם טובות, „מרחמים עליו מן השמים" האט מען אין הימעל אויך רחמנות אויף איהם ווייל די מליצי יושר זאגען פאר דעם כסא הכבוד מה דאך אז אבשר ודם האט רחמנות אויף דעם מענש, ברויך דאך הקדוש ברוך הוא וואס ער איז דאך מלא רחמים זיך אוודאי מרחם צו זיין אויף איהם:

איין מאל האט ער גערעדט אין אענין פון דעם גרויסען הסתר וואס איז היינט און האט געזאגט אז היינט אין דעם גרויסען הסתר איז מען נישט מגלה אפילו צו דעם צדיק הדור קיין שום זאך מן השמים, און דאס איז דער טייטש אין פסוק „וצדיק באמונתו יחיה" אז אפילו דער צדיק הדור זעהט אויך גאר נישט קיין שום התגלות אלהית נאר ער לעבט בלויז מיט די אמונה שלימה בחי עולמים:

איין מאל האט ער דערציילט אמעשה פון בעל שם טוב, ווען דער בעל שם טוב איז געווען אין די שטאדט סטאמבול ווען ער איז גע-פאהרען קיין ירושלים, האט דער בעל שם טוב געהערט דארטען אז דער עולם האט זעהר שטארק מרעיש געווען אויף דעם רבין ר' נפתלי הכהן זצ"ל וואס ער גיט קמיעות און בענוצט זיך צו דעם מיט שמות הקדושים, האט דער בעל שם טוב זיך נעהייסען ברענגען דעם רבי'נס ר' נפתלי'ס אקמיע האט ער זי געעפענט האט ער געזעהן ווי עס איז געווען אויף געשריבען אויף די קמיע בלויז נאר דער נאמען „נפתלי הכהן" און דער בלויזער שם האט שוין געפועלט צו אלע זאכען וואס דער רבי ר' נפתלי האט נעגעבען די קמיע. אויף די מעשה האט ער דער צדיק מטשארטקוב געזאגט וועט זיין רעכטיג די גמרא וואס זי זאגט „כל הקורא לרבו בשמו חייב מיתה" דער וואס ער רופט זיין רבי'ן ביי זיין נאמען איז ער חייב מיתה, איז דאך אפלא אז פאר דעם קליינעם חטא וואס ער האט אנגערופען דעם רבי'נס נאמען זאל איהם שוין קומען מיתה, יעצט איז שוין רעכטיג ווייל מיר געפינען אז דער בלויזער נאמען פון רבין קען שוין פועל'ען אזוי גוט ווי א שם משמות הקדושים, איז דאך גלייך ווי ער וואלט אנגערופען א שם משמות הקדושים וואס אויף דעם קומט טאקע אזא גרויסען עונש:

ער האט געטייטשט דעם פסוק „והאלהים יבקש את הנרדף" אז דער פשט איז אז גאט בעט דעם נרדף וואס ער ווערט נעבעך געיאגט און געפלאגט אז ער זאל נאך אביסעלע ווארטען וועט איהם השם יתברך העלפען פון די יעגערס זיינע:

נאך אווינדערליכע מעשה פון הייליגען צדיק מריזין זצ"ל זי"ע:

אין

אין אשטאָדט נעבען דער שטאָדט ריזין, האָט געוואָהנט איינער אַגרויסער גביר וואָס ער איז געווען אויך אַ איש נכבד און איז געווען מפורסם פֿאַר אַגרויסען נדבן, און ער האָט אויך געשטיצט מיט פֿיעל געלד דעם הייליגען צדיק מריזין נאָך אין די ערשטע יאָהרען, און דער מענש האָט זעהר מצליח געווען און איז געוואָרען זעהר אַגרויסער עושר און האָט זיך געקויפֿט זעהר אַגרויס פֿולוואַרק מיט אַסך פֿעלדער און גערטנער און דערפֿער, האָט ער אויך געהאַט אַסך אַרענדעס מיט מיהלען און גאַסט-הייזער מיט פּאַקטען פֿון מיליכדיגס און נאָך אַזעלבע זאַכען, און ביי די אַלע זאַכען פֿון די געשעפֿטען האָבען געוואָהנט בלויז אידען, און די אידען האָבען געהאַט דאָרטען פּרנסה בריוח, נאַר אָבער ווען ער האָט דאָס אָבגעקויפֿט און די אַלע געשעפֿטען זענען אַריין געקומען אין זיין רשות, האָט ער אַרויס געגעבען איין בעפֿעהל אַז די אַלע אידען וואָס האַלטען ביי די דאָזיגע געשעפֿטען זאָלען זיך תיכף אַרויס קלויבען פֿון דאָרטען, און די אַלע געשריייען און געוויינען פֿון די דאָזיגע אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער האָט ביי איהם גאַר ניט געפֿועלט, נאַר וויל די אידען האָבען אָבער געוויסט, אַז ער איז אַ נכבע און איז זעהר דבק אין דעם הייליגען צדיק מריזין, און דאַמאָלס האָט שוין דער ריזינער געוואָהנט אין די שטאָדט סאַדיגור גאַליציע, זענען זיי אַלע אַוועק געפֿאָהרען קיין סאַדיגור צו דעם הייליגען צדיק און זיי האָבען זיך פֿאַר דעם צדיק פֿערקלאָגט אויף דעם עושר, אַזוי ווי זיי וואָהנען שוין דאָרטען אַ לאַנגע צייט און האָבען געהאַט דאָרטען פּרנסה בריוח, און יעצט וויל ער זיי פֿון דאָרטען אַרויס טרייבען און זיי מקפּח פּרנסה זיין, און זיי האָבען נישט ווי צו געהן, און אַז דער צדיק האָט דאָס געהערט האָט ער מיט זיי שטאַרק מיטלייד געהאַט, און האָט תיכף געשיקט צו דעם גביר אַז ער זאָל קומען צו איהם, נאַר דער גביר האָט אָבער גאַר ניט געוואָלט הערען און איז ניט געפֿאָהרען, האָט דער צדיק געשיקט נאָך אַמאָל איהם זאָגען אַז ער פֿערלאַנגט דורך אויס אַז ער זאָל צו איהם קומען, און דער גביר האָט דאָס מאָל אויך ניט געוואָלט הערען, האָט דער צדיק ווייטער געשיקט צו איהם צום דריטען מאָל אַז ער זאָל קומען, איז דער גביר ביי דעם מאָל געוואָרען אין כעס, און האָט געענטפֿערט דעם שליח אַז ער זאָל זאָגען דעם צדיק פֿאַר זיינעט וועגען דאָס אַזוי גוט ווי ער מישט זיך ניט אין רבי'נס עסקים, זאָל זיך דער רבי אויך ניט מישען אין זיינע עסקים, און דאָס וואָס איך האָב חשק דאָס וועל איך טוהען. אַז דער צדיק האָט געהערט די דאָזיגע תשובה זיינע, האָט ער אויף דעם גאַר ניט געענטפֿערט, נאַר ער האָט געזאָגט מיט דעם לשון „נאָ נאָ”, אין נאָך די מעשה איז דער גביר אָנגעהויבען צו געהן אַראָפּ אַלע מאָל נידריגער ביז ער איז געוואָרען אַגרויסער אביון ר"ל, פֿון דעסווענען האָט ער זיך נאָך אַלעס ניט געוואָלט מכניע זיין פֿאַר

עם

דעם צדיק, און פאהרען צו דעם צדיק איהם איבער בעטען פאר דעם ביזיון וואס ער האט איהם מבזה געוועזן, האט זיך געמאכט דאס דער מענש איז געווארען שלאף ועהר ביז אזוי ווייט אז די דאקטוירים האבען איהם אבגעזאגט דאס לעבען און זיי האבען שוין ניט געהאט פאר איהם קיין שום מיטעל, דאמאלס אז ער האט שוין געזעהן אז ער האט שוין ניט קיין שום עצה, האט ער זיך געבעטען ביי זיין בני בית זיי זאלען מיט איהם פאהרען צו דעם ריזינער צדיק קיין סאדיגור, אז ער איז געקומען צום צדיק האט ער ניט קיין כח געהאט אריין צו געהן צו דעם צדיק, איז ער געבליבען שטעהן אין דרויסען און האט אריין געשיקט צו דעם צדיק זאגען אז ער קען ניט אריין געהן, איז דער צדיק ארויס געגאנגען צו איהם, און האט איהם אנגעקוקט עטליכע מינוט און איז צוריק אריין געגאנגען צו זיך אין הויז אריין, און האט צו איהם ניט גערעדט קיין איין ווארט, און דער מענש איז צוריק אהיים געפאהרען און איז אין דער היים נפטר געווארען ושבק חיים לכ"ח:

און ביי דעם צדיק מרוזין איז געוועזן א מנהג אז ווען עס האט אוים געפעהלט ווין ביי זיין טיש און עס איז גראדע ניט געווען אזעלכע מענשען וואס זיי זאלען זיין ביכולה צו שטעלען ווין צום טיש, האט זיך געפינען ביי דעם ריזינער אזעלכע גרויסע גבירים, אז ווען עס האט זיך געמאכט אזא פאל האט דער גבאי געשטעלט ווין צום טיש אויף וועלכען גביר'ס נאמען, חאטש דער גביר איז דארט גאר ניט געוועזן, און אויך דער זעלבער מענש וואס מיר האבען דא אויבען געשריבען פון איהם ווען ער איז געוועזן נאך גביר איז ער אויך געוועזן איינער פון די וואס דער גבאי פלעגט אויף זייער קאנטע שטעלען ווין צום טיש, און אז עס איז שוין געהאט אריבער אלאנגע צייט ווי דער געוועזענער גביר איז נפטר געווארען און מען האט שוין געהאט גאר פארגעסען פון איהם, מאכט זיך אמעשה פלוצלונג איין מאל שבת ביי דעם טיש הייסט דער ריזינער דעם גבאי ער זאל שטעלען ווין פאר דעם זעלבען גביר וואס איז שוין געוועזן לאנג נפטר, און דער גבאי האט געוויסט פון דעם אז דער גביר איז שוין נפטר געווארען, האט ער גערעכענט אז דער רבי ווייסט נאך נישט פון דעם, האט ער זיך דעריבער גאר ניט וויסען געמאכט, דער נאך האט דער רבי ווייטער געזאגט צו דעם גבאי ער זאל שטעלען ווין פאר דעם דאזיגען מענש'ס וועגען, האט דער גבאי שוין ניט געהאט קיין אנדערע עצה נאר ער האט געמוזט מודיע זיין דעם רבי'ן אז דער מענש איז שוין נפטר געווארען. האט איהם דער רבי געענטפערט אויף דעם דו מיינסט אז איך ווייס גאר ניט פון דעם, איך ווייס דאס גאנץ גוט, נאר הערט זיך איין וואס איך וועל דערציילען:

אין הימעל איז פארהאנען דרייערליי בתי דינים, איין בית דין פון בלויז היילינע מלאכים, א צווייט בית דין פון גרויסע צדיקים וואס זענען

דאס

שוין נפטרים, און דאס דריטע בית דין פון צדיקים וואס לעבען נאך אויף די וועלט, און דער סדר איז אזוי, אזוי ווי א מענש ווערט נסתלק פון די וועלט און קומט אויף יענע וועלט פיהרט מען איהם צום ערשטען בית דין פון בלויז מלאכים, און דאס בית דין איז זעהר מחמיר אויף דעם מענש וויל זיי די מלאכים ווייסען נאר ניט דעם טעם פון א חטא און פון יצר הרע, קענען זיי גאר ניט פערשטעהן ווי אזוי א מענש וואס ער קומט נאר ארויס פון א טפה סרוחה און איז אזא קליינע נידריגע בריאת קענען טוהען עפעס א חטא און ווידערשפעניגען קענען דעם רצון פון דעם בורא ברוך הוא, איז אויב דער מענש איז אבר דעת און האט אויך סיעתא דשמיא בעט ער זיך מען זאל איהם שטעלען פאר דעם צווייטען בית דין וואס באשטייט פון צדיקים וואס זענען שוין נפטר געווארען, חאטש זיי זענען אויך גרויסע מחמירים, וויל זיי זענען שוין לאנג נסתלק געווארען פון די וועלט גע ענקען זיי שוין נישט די טרדות און די מניעות היצר הרע פון די וועלט, פון דעסטוועגען אקעגען דעם ערשטען בית דין פון די מלאכים הייסען זיי מקילים זענען מיקל. און אויב דער מענש האט נאך מעהר סיעתא דשמיא און ער האט שכל בעט ער מען זאל איהם שטעלען לדין פאר דעם דריטען בית דין פון די צדיקים וואס זענען נאך דא אויף די וועלט, וואס זיי ווייסען און פארשטעהן גוט די מדה און דעם גרויסען יצר הרע פון די וועלט, זענען זיי מיט איהם גאר מיקל, ביי דעם האט זיך דער צדיק מרוזין זיך אויף געשטעלט און האט געזאגט מיט דעם לשון. דאס איז דאך גלוי וידוע אז איך בין דאך איינער פון דעם דריטען בית דין של מעלה, איבער דעם אז דער מענש האט נעהאט די זכייה אז מען זאל איהם שטעלען לדין פאר אונז בין איך גרייט צו טוהען איהם א טובה ווי ווייט איך וועל קענען, על כן היים איך מען זאל שטעלען וויין פאר זיין נשמה וועגען:

ע"ש ועכ"י אמ"ו